STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02991

A SHTETL IN VAYSRUSLAND

Sh. Hurvits-Zalkes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. הורוויץ-זאַלקעס

אַ שטעטל
אין ווייסרוסלאַנד

פאַרלאַג יידיש
ניו-יאָרק, 1952

S. HURWITZ

A SHTETL in WEISRUSLAND

(A Little Township in White Russia)

Copyright, 1952
by S. HURWITZ

Printed in U. S. A.

דעם פאָטער מיינעם ר׳ שלמה זאַלקינד
ב״ר ישעיה הלוי אי״ש הורוויץ

ל ז י כ ר ו ן

אַ יישר־כוח

ניט קיין הקדמה־נוסח און ניט קיין הסכמה. דאָס בוך נייטיקט זיך ניט אין דעם. עס רעדט פאַר זיך אַליין מיטן אייגענעם וואָרט.

אָבער אַ פּאָר באַגלייט־ווערטער — יע. באַגלייט־ווערטער פון אַ בן־עיר צו אַ בן־עיר.

ש. הורוויץ־זאַלקעס באַשרייבט דאָס אַמאָליקע פון אונדזער ביידנס היים־שטעטל — געבורט־שטעטל — איהומען, אָדער, ווי אַלע פלעגן מיר עס רופן, הומען — אַן אַמאָליקער אויעזד־פּונקט פון אַן אַמאָליקער מינסקער גובערניע אין אַמאָליקן ווייס־רוסלאַנד.

איז ניט שייך הסכמה, נאָר פּשוט אַ דאַנק־וואָרט, אַ ברכה, אַ יישר־כוח דעם בן־עיר מיינעם, דעם לערער און שריפטשטעלער, וואָס האָט מיך דורך זיינע וואַרעמע, באַגייסטערטע בלעטלעך אָוועקגעטראָגן צו אונדזער אַמאָליקן טייערן קליין־פּינטל אויף דער ערד־מאַפּע, וואו ס׳איז געשטאַנען אונדזער וויג. איך בין זיכער, אַז ניט איך איינער וועט דערפילן אָט די טייערקייט.

מיט אַן אַ שיעור ליבע, און אויף אַ פּשוטן אופן, דערציילט דער מחבר וועגן די גאַסן און געסלעך פון אונדזער הומען, וועגן אונדזערע שולן און בתי־מדרשים, וועגן אונדזער מאַרק, וועגן אונדזערע מלמדים און ראש־ישיבה, וועגן אונדזערע וואונדערלעכע פאָלקס־יידן, וועגן אַלעם דעם, וואָס איז געווען און וואָס איז, ליידער, היינט שוין ניטאָ מער, — אָפּגעמעקט געוואָרן, פאַרשניטן געוואָרן, פאַרשוועכט געוואָרן.

ש. הורוויץ־זאַלקעס דערציילט מיט אַ טאָן פון הייליקייט, און ער לעבט פאַר אונדז אַ ביסל אויף דאָס פאַרגאַנגענע, אַז עס זאָל טאַקע ניט פאַרגיין, אַז עס זאָל טאַקע בלייבן אין אונדזער לעבן ווי אַ הייליקייט.

ה. לייוויק

פאַרוואָרט

אין ד ע ם שטעטל, הומען (איהומען), מינסקער געגנט, האָבן די בעסטיאַלע דייטשישע רוצחים אַריינגעריסן זיך אין שפּעט־זומער. שוין אויפן דריטן טאָג האָבן די ווייס־רוסישע מיליציאַנטן, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אונטער דער סאָוועטישער מאַכט און האָבן איר געטריי געדינט אין פאַרלויף פון כמעט אַ פערטל יאָרהונדערט, גענומען צונויפטרייבן די יידן פון אַלע גאַסן און זאַוואולקעס אויפן אַלטן מאַרק. זיי האָבן בעתן געיעג נאָך די צום טויט פאַרמשפּטע ניט פאַרגעסן אַריינצושטעקן אַ זילבערנעם בעכער. א פּאָר אויערינגלעך אין זייערע קעשענעס.

מיטליאָריקע און עלטערע יידן בעלי־מלאכות האָבן זיך איינגעוויקלט אין זייערע טליתים און זיינען, צוזאַמען מיט דער גאַנצער מחנה מענער, פרויען און קינדער, געגאַנגען דעם לעצטן וועג זייערן צום קבר אין אַ וועלדל ניט ווייט פון קרייז־טורמע אויף דעם באָברויסקער שליאַך.

אַ סך פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן אויף דער צווייטער זייט פון שליאַך געוואַרט מיט זייערע וועגענער, טאָמער וועט זיי געלינגען צו באַקומען אַ טייל פון די אָרעמע מלבושים פון די אומגליקלעכע.

לאָמיר געדענקען, און וואָס אָפטער אַרויסרופן אין אונדזער זכרון, די ליכטיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אין די הונדערטער שטעט און שטעטלעך אין ליטע, ווייס־רוסלאַנד, פּוילן, אוקראַינע, גאַליציע, בעסאַראַביע און רומעניע.

אפשר וועט אונדז געלינגען צו באַהויכן מיט דער גייסטיקער שיינקייט פון דער פאַרשוואונדענער יידישער וועלט די נשמות פון אונדזערע קינדער, אייניקלעך.

דאָס לעבן אין ד ע ם שטעטל, ווי עס ווערט געשילדערט אין ד ע ם בוך, איז פאַרגעקומען מיט פינף און זעכציק יאָר צוריק, אין די אַכציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

ש. הורוויץ־זאַלקעס

אַ שטעטל אין ווייסרוסלאַנד

אָפט טראָג איך זיך אַריבער מיטן געדאַנק צו מיין שטעטל הומען (איהומען) אויף דער ווייסרוסישער ערד.

וועלדער און זומפּן ציען זיך אָן אַ סוף איבער די פליינען און פון אומעטום שוואַרצן זיך אויפן האָריזאָנט די קרוינען פוןביימער. ריזיקע סאָסנעס, אויסגעמישט מיט שלאַנקע יאָדלעס, הייבן זייערע קעפּ צום הימל. וואו ניט וואו וואַרפט זיך דורך אַ מעכטיקער דעמב מיט אַ גרינער קרוין, אַ צעוואַקסענער, פילצווייגיקער לינדנבוים. זעלטן וואו ס׳קוקט אַרויס פון וואַלד־געדיכטעניש דעם וואַלד־שומרס אַ הייזל. ס׳באַגלייטן אייך נייגעריק פאַרוואונדערטע בליקן פון אַ מיידעלע מיט פלאַקסענע האָר, וואָס פיטערט אַ בהמה ביים וועג.

דער ברייטער שליאַך, וואָס איז אויסגעלייגט געוואָרן נאָך אין יעקאַטערינעס צייטן, פירט אייך צו דער קרייז־שטאָט, וואָס האָט זיך צעשפּרייט ביי די ברעגעס פון אַ קליין טייכל, ווייט פון אַ באַן, פון גרויסע שטאָטישע ישובים.

איר זייט פאַרבייגעפאָרן די הויכע געמויערטע מיל, דעם בית־עולם, אַריבער דעם הילצערנעם בריק, די מינסקער גאַס. אָט איז דער אַלטער מאַרק מיט קראָמען, הייזער, די רוסישע קירך, די ברייטע גאַס מיט די געמויערטע הייזער און רעגירונגס־געביידעס, די שול־גאַס מיט די בתי־מדרשים און קלויזן, און ווייטער — דער נייער מאַרק, די סלאָבאָדע, דער קריסטלעכער שטאָט־טייל, די ווייסע וועגנט פון דער קרייז־טורמע און ווידער דער ברייטער שליאַך.

און אַז דער ליבער זומער קומט, די ביימער אין די סעדער צעבליען זיך, די פעלדער גרינען, די בושלס ביי דער וואַסער־מיל לאָזן הערן

זייער שנאַבלדיקן גוט־מאָרגן, קריכט אַרויס דער אַלטער נח, אַ זקן פון איבער אַכציק יאָר, פון זיין הייזל, זעצט זיך אויף דער פריזבע, שפּיליעט אויף דאָס העמד, שפּרייט אויס די פיס און וואַרעמט זיך אויף דער זון.

דער אַלטער נח, אַליין אַ שמיד, האָט אויפגעשטעלט אַ גאַנצן דור שמידן אין אַרומיקער געגנט. ער האַלט זיך אויף ביי אַ טאָכטער, אַן אַלמנה, אין דעם קליינעם הייזל מיטן שטרויענעם דאַך. אַ גאַנצן ווינ־טער ליגט ער אויפן אויוון און האַלט כסדר אין זאָגן און איבערזאָגן דעם תהלים פונעם ערשטן ביזן לעצטן קאַפּיטל. ער איז מפסיק נאָר, ווען די טאָכטער זיינע, די „מיזינקע", דערלאַנגט אים אַ שיסל הייסע קאַרטאָפל מיט אַ קרוג זויער־מילך.

— דערלעבט, זונעלע, נאָך אַ זומער, שמייכלט דער אַלטער, אם ירצה השם שבועות קום איך אין ליבאַוויטשער שול.

— — — — — — — — — — — —

ל"ג בעומר. אַ ליכטיקער, וואַרעמער טאָג. גאָלדענע סנאָפּעס פאַלן אויף דער ערד, אויף די צעבליטע ביימער.

דער רבי אונדזערער, אברהם־איטשע, האָט אונדז היינט גענומען צו זיך אַהיים. דאָס הויז זיינס, דער ווייבס אַ ירושה, איז אויף איינער פון די סלאָבאָדע־געסלעך, אַ ריזיקער דעמב האָט צעשפּרייט זיינע צווייגן איבערן הויז. צוויי יאַסמין־קוסטעס האָבן זיך באַזעצט אין די ווינקלען פונעם קליינעם גערטנדל, אויף די בייטן האָבן זיך צעבליט „חנהס אייגעלעך", גלעקלעך, די ווייסע, שלאַנקע נאַכט־שיינהייטן.

מיטן אויסזען זיינעם איז דער רבי גאָרניט ענלעך צו די אַנדערע מלמדים אין שטאָט. אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער רבי זיך צוריק־געקערט פון מאָסקווע, וואו ער האָט געדינט אין אַ גרענאַדירן־פּאָלק, האָט צונויפגענומען אַ קנעלונג און איז באַרימט געוואָרן, ווי איינער פון די בעסטע מלמדים.

ער האָט באמת ליב געהאַט קינדער. ניט ער באַפעלט, נאָר דער־קלערט, באַמיט זיך צוזאַמען מיט די תלמידים אויסצוגעפינען זאַכן.

אַט שטייט ער ביים לאַנגן טיש, אַרום וועלכן ס׳זיצן צוועלף תּלמידים. משא בבל! מיר הערן די פעסטע טריט פון די בבלישע חיילות, דאָס געוויש פון די רייטוואָגנס, דאָס פייפן פון די פיילן, דאָס וויי־געשריי פון די געפאַלענע. ער זינגט אַרויס אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק. יעדערער פון די תּלמידים חזרט עס איבער באַזונדער, נאָך דעם זאָגן מיר עס איבער בציבור, און ווען דאָס קאַפּיטל איז פאַרענדיקט, האָט עס זיך איינגעקריצט טיף אין זיכּרון. איר וועט עס ניט פאַרגעסן! און כמעט אַלע תּלמידים קענען אויסעווייניק גאַנצע קאַפּיטלעך תּנ״ך.

אַריבער דעם נידעריקן פּאַרקאַן, האָבן מיר זיך אין אַ לאַנג־אויסגעצויגענער שורה, מיטן רבין בראש, געלאָזן מיטן שמאָלן צווישנבייטיקן שטעג צום וויטן זאַהאַריער וואַלד. אין די גערטנער האָט זיך ערשט גענומען באַווייזן דאָס ביסל מאָגערע גרינס. די ווילדע עפּל־ביימער האָבן זיך צעבליט מיט וויס־ראָזעווע שמעקעדיקע בליעכץ, און ווען מיר זיינען צוגעקומען צום ראַנד פון וואַלד, וואָס איז אויף אַ גרויסן שטח באַוואַקסן געווען מיט קוסטעס וואַלד־מאַלינעס, בערבע־ריס און אַ סך אַנדערע געוויקסן, האָט אונדז אַרומגענומען אַזאַ מחיה־דיקע פרישקייט, אַ לויטערע קינדישע פרייד, אַז מיר האָבן זיך מונטערע געלאָזט לויפן צום וואַלד.

אין די דאָזיקע מקומות פון דער זומפּיקער פּאָלעסיע זיינען די סאָסנע־וועלדער, וואָס ציען זיך אָפּט אויף מיילן, ענלעך צו אָזן אין מדבּר. אין מיטן דעם זומפּיקן ים מיט דעם קלעפּיק־ליימיקן, שוואַרץ־גרויען באָדן דערהייבט זיך פּלוצלונג אַ ריזיקער סאָסנאָווער וואַלד. מעכטיקע סאָסנעס ציען זייערע קרוינען צום הימל. די אָדערדיקע גרויע וואָרצלען פון די ריזן ציען אַרויס דאָס גאַנצע חיות פון דער ערד, לאָזן קיין אָרט ניט פאַר קיין שום אַנדערע געוויקסן, חוץ נידעריקע קוסטעס פון ווילדע רויטע יאַגדעס און קופּקעס געלע פּיקסלעך־שוואָמען.

אַרום דעם קבר פון דעם דערשאָסענעם סאָלדאַט האָבן מיר זיך צעזעצט, אַרויסגענומען אונדזער פאַרבייסנס, לוסטעס שוואַרץ־ברויט מיט פּוטער, געפּאַרבטע אייער, און גענומען פּראַווען אונדזער ל״ג־בעומרדיקע סעודה.

נאָכן עסן האָבן מיר זיך פאַרמאַסטן אין לאָזן פיילן פון אונדזערע בויגנס, און דער רבי האָט אונדז דערציילט פון רבי עקיבאן און זיינע טויזנטער תלמידים, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין בר־כוכבאס אויפֿשטאַנד קעגן די רוימער, וועגן דעם לעגענדאַרן מחבר פון זוהר און נאָך אַ סך וואונדערבאַרע זאַכן.

דערווייל האָט זיך די זון געהויבן אַלץ העכער אין הימל, ס׳האָט זיך איינגעשטעלט אַ הייסער זומערדיקער טאָג, און היות היינט איז ל״ג־בעומר, מעג מען זיך דאָך באָדן, האָבן מיר זיך געלאָזן צו דער אַלטער פאַרלאָזענער מיל.

דאָס שפּרודלדיקע טייכל, באַזוימט מיט אַלטע ווערבעס, איז זיך בנעימותדיק געפלאָסן איבער דעם פּאַליעסיער פליין. אויף אַ בערגל האָט זיך צוגעטוליעט דעם אַלטן וואַלד־שומרס הייזל. עטלעכע שעפּסן האָבן זיך געפּאַשעט אין הויכן גראָז. מע... מע... ווער זיינען דאָס די אויסטערלישע געסט? אַ גרויסער, גרויער וואָלף־הונט האָט אונדז אַלעמען באַשמעקט און האָט זיך אויסגעצויגן אין גראָז ביים רבינס פיס, — אַ סימן, אַז ער נעמט אונדז אויף גאָר פריינדלעך.

אָט פּליושקעט זיך שוין די גאַנצע חברה אין וואַסער. דודל, דער פלינקער יינגל מיט די גרוי־גרינע אויגן, באַווייזט שוין, וואָס ער קען: שווימט אויסגעצויגן אויפן רוקן, לייגט קלאַפּטער, גאָר ווי אַ געניטער שווימער, און אין אַ רגע איז ער שוין ביי די מיל־רעדער, וואָס הענגען אומבאַוועגלעך איבערן וואַסער, ווי פליגלען פון אַ גרויסן פאַרוואונדעטן פייגל...

— — — — — — — — — — — —

ווען מיר זיינען געקומען אַהיים, האָבן זיך שוין פייערלעך גענומען צינדן אין די קליינע יידישע הייזלעך אויף דער שול־גאַס. אין דער ליבאַוויטשער שול האָט מען שוין אָפּגעדאַוונט מעריב, אָפּגעציילט ספירה. דער נר־תמיד האָט געברענט אויפן עמוד. משה דער בלינדער האָט זיך געפּאַרעט אין פּאַליש. זלמן דער פרוש איז, ווי געוויינטלעך, געשטאַנען אין דעם מזרח־צפונדיקן ווינקל און האָט, ביים צאַנקען פון אַ חלבן ליכטל, אַריינגעקוקט אין אַ ספר.

זלמן האָלט זיך אויף אין דער ליבאַוויטשער שול שוין דעם דריטן יאָר. ווער איז ער, פון וואַנען קומט ער? קיינער ווייס ניט. עטלעכע רייכע באַלעבאַטים, דערוויסנדיק זיך פון זלמנס מוראדיקער למדנות, האָבן פאַר אים געשאַפן אַ קנעלונג און זלמן לערנט מיט זייערע דער־וואַקסענע זין.

זלמן האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די דערוואַקסענע. דערפאַר אָבער האָט ער שטאַרק מקרב געווען קינדער. די שוואַרצע, אומעטיקע אויגן זיינע האָבן אויפגעלויכטן, ווען ער האָט אונדז דערזען. ער האָט אָנגעצונדן נאָך אַ ליכטל, אָנגעשמאָלצן עס אויפן שטענדער, אַ גלעט געטאָן אונדז איבער די בעקלעך און אויסגעזעצט אויף דער באַנק.

— איר זייט ביי מיר זייער אָנגעלייגטע געסט, קינדער, — האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט, אויסטיילנדיק יעדערן אַ צוקערלעקעך, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט צוגעגרייט אין אַ הילצערנעם קעסטעלע.

זלמן פלעגט אונדז אָפט דערציילן פון פּאַרצייטיקע יידן־צדיקים, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען, מקדש־השם געווען. דאָס מאָל האָט ער אונדז דערציילט אַן אַלטע יידישע אגדה וועגן דעם יידישן פּויפּסט אין די צייטן פון מסעי־הצלב:

„אין דער שטאָט מאַינץ, אין דייטשלאַנד, האָט געלעבט אַ ייד שמעון, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט פון פראַנקרייך. אַ חשובער באַ־לעבאָס, אַ למדן און אַ פּייטן. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין גע־ראָטענעם זון אלחנן און האָט מחבר געווען אַ פּיוט, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אל־חנן נחלתו בנועם להשפר". דער קליינער אלחנן האָט אויסגעלערנט דעם פּיוט אויף אויסווייניק. איין מאָל, ווען דאָס קינד איז שטאַרק קראַנק געווען, האָט אים זיין קריסטלעכע אַם אָוועקגעגנבעט און איבערגעגעבן אין די הענט פון קאַטוילישע גלחים. דאָס קינד איז דערצויגן געוואָרן אין אַ קאַטוילישן קלויסטער, איז באַרימט געוואָרן אין דער קאַטוילישער וועלט מחמת זיינע פעאי־קייטן, קענטענישן און פרומקייט, איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ קאַרדינאַל און איז, ענדלעך, דערוויילט געוואָרן אַלס דער

רוימישער פויפסט. ער וואָלט אפשר אין גאַנצן פאַרגעסן פון זיין אָפּ־שטאַם, ווען אַ בישאָף פון דייטשלאַנד וואָלט בעת אַן אודיענץ ניט דערציילט דעם פויפסט, אַז ער שטאַמט פון יידן און אַז זיין פאָטער לעבט נאָך עד־היום אין דער שטאָט מאַינץ. אלחנן האָט פאַרשוואוירן דעם בישאָף, אַז ער זאָל די גאַנצע זאַך האַלטן בסוד. זינט דעמאָלט האָט אלחנן ניט אויפגעהערט טראַכטן פון זיין פאָטערס היים, זיינע קינדערשע יאָרן. אַ טיפע בענקעניש נאָך זיין פאָטער האָט אים באַ־הערשט... האָט דער פויפסט אַרויפגעלייגט אַ שווערע גזירה אויף דער יידישער קהילה פון מאַינץ. זיינען די עלטסטע פון דער מאַינצער קהילה, בראש מיט רבי שמעון, געקומען צום פויפסט בעטן אים, ער זאָל מבטל זיין די גזירה. דער פויפסט איז געזעסן אויף זיין הויכן טראָן און האָט די אויגן ניט אָראָפּגענומען פון דעם פאָטער זיינעם, וואָס איז גרוי און אַלט געוואָרן פאַר דער צייט און וואָס האָט מיט אַ געבראָכענער שטימע רחמים געבעטן פאַר דער יידישער קהילה. דער פויפסט האָט באַפוילן, אַז אַלע, חוץ שמעונען, זאָלן פאַרלאָזן דעם אוי־דיענץ־זאַל, און ווען זיי זיינען פאַרבליבן אַליין, האָט ער אַ פרעג געטאָן שמעונען, צי עס איז ביי אים מיט יאָרן צוריק ניט פאַרלאָרן געגאַנגען אַ קינד. האָט שמעון דערציילט מיט אַלע פרטים, ווי אַזוי זיין זון, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען סך־הכל פיר יאָר, איז אַוועקגענומען גע־וואָרן פון אים. און פלוצלונג האָט דער פויפסט גענומען זינגען דעם פיוט „אלחנן נחלתו“, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זיכרון, און אַזוי אַרום האָט ער זיך געלאָזט דערקענען צו זיין פאָטער.

אין אַ צייט אַרום איז דער פויפסט פאַרשוואונדן געוואָרן פון רוים. אלחנן איז בשתיקה געקומען קיין מאַינץ, האָט דאָרטן חתונה געהאַט מיט אַ יידישער טאָכטער און שפעטער האָבן ער, זיין פרוי און זיינע קינדער מקדש־השם געווען, ווען די רוצחים פון די מסעי־הצלב האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער שטאָט מאַינץ.“

מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס הערן מיר אויס די דערציילונג. דאָס חלבן ליכטל צאַנקט, לעשט זיך אויס. מיר געזעגענען זיך מיט זלמנען און דעם בלינדן משהן און לאָזן זיך איילי׳ק אַהיים.

שבועות

די זון שיינט און וואַרעמט און האָט אויסגעצירט די ווייסרוסישע ערד אין יום־טובדיקע מלבושים. די צוויי לינדנביימער און די שטי־פערישע בעריאָזקעס הינטער אונדזער הויז הייבן שטאָלץ זייערע גרי־נע קרוינען צום הימל. העט ווייטער אין די זומפּן האָבן זיך קופּקעסווייז צעזעצט די בלויע „פאַרגעס מיך ניט״ און ביים ברעג טייכל איז זיך הויך צעוואַקסן דער אַאיר.

היינט איז ערב־שבועות. האָבן זיך חדר־ייִנגלעך געלאָזן צום טייכל, אָנגעשניטן אַאיר, גרינס אויף שבועות, געבראַכט גאַנצע בינט־לעך אַהיים אין די אָרעמע ייִדישע הייזער, צעשפּרייט די שמעקעדיקע גראָז איבער דער אַלטער ליבאַוויטשער שול, וואו תנחום דער שמש און משה דער בלינדער האָבן אַ גאַנצן טאָג געוואַשן און געראַמט.

די שול איז פול מיט אַ יום־טובדיקן עולם. דער בליך־לאָמפּ איבער דער בימה ברענט עפּעס היינט גאָר אַנדערש, אמת יום־טובדיק. די מעשענע לייכטערס גלאַנצן און איבערן אָרון־קודש, באַמערק איך, הענגט אַ נייער פּרוכת.

צווישן עולם, הינטער דער בימה, וואַרפן זיך דורך אַ סך פּנים־חדשות, ווייזט אויס אורחים, וואָס וואַנדערן פון שטעטל צו שטעטל אין די זומערדיקע חדשים. אויך דער אַלטער נח איז היינט געקומען. אָנגעטאָן אין זיין שבתדיקן סורדוט, אַ ניי העמד פון פויערשן לייוונט, האַלט ער מיט ביידע הענט דעם סידור. די אָנגעשפּיצטע אויערן זיינע ציען זיך צום עמוד, וואו מאָטקע דער מלמד, דער פייער־דיקער חסיד, זינגט אַרויס די שמונה־עשרה און הייבט זיך כסדר אויף די שפּיץ־פינגער פון גרויס התפעלות. כל עצמותיו תאמרנה!

— גוט יום־טוב, גוט יום־טוב ! — דערהערן זיך פריילעכע שטימען פון דער עדה יידן, וואָס באַגריסן איינער דעם צווייטן מיטן יום־טוב.

תנחום האָט, ווי דער שטייגער, צוגעפירט צו מיין פאָטערס „שטאָט״ אין מזרח צוויי אורחים. איך זע, ווי עליע דער לאָטוטניק, מיטן קליינעם אויסגעפוצטן בערדל, לויפט נאָך תנחומען און מאָנט ביי אים אַן אורח אויף יום־טוב.

— מ׳האָט זיי צעכאַפּט, — פאַרענטפערט זיך תנחום, — נעם משה דעם בלינדן, איך וועל שוין זען, אַז ער זאָל זיין דיין אורח.

— — — — — — — — — — — —

דער גרויסער טיש אין זאַל איז יום־טובדיק געגרייט. דער פאָטער מיינער, דער גרויסער שווייגער מיטן אומעטיק־פאַרוואָלקנטן פנים און הויכן למדנישן שטערן, איז היינט שטאַרק אויפגעלייגט, דער קידוש ווערט אַרויסגעזונגען האַפערדיק און די לעצטע ווערטער מקדש ישראל והזמנים ווערן אונטערגעשטראָכן מיט אַזוי פיל טיפן גלויבן... ער איז זייער אויפמערקזאַם צו די צוויי אורחים, איז זיי מכבד מיט ביסעלעך בראָנפן נאָך די געפילטע פיש.

פאַרן בענטשן ווענדט ער זיך צו די קינדער מיט אַ שמייכל :

— איר ווייסט דאָך, קינדער, אַז שבועות איז ניט נאָר חג־הביכורים, נאָר אויך דער יום־טוב פון מתן־תורה, ווען די יידישע אומה האָט אויף זיך גענומען די תורה, דאָס ליכט פון אַלע פעלקער, און טראָגט עס דורך דורות און דורות. היינט ביינאַכט זאָגן יידן דעם תיקון־שבועות. איז דער פון אייך, וואָס וועט זיך שטאַרקן און וועט צוזאַמען מיט מיר זאָגן דעם תיקון־שבועות, וועט זוכה זיין צו זען, ווי ס׳עפענען זיך די הימלען, און וועט אַריינבליקן אין דער פראַכט און גלאַנץ פון דער פמליא־של־מעלה. איז ווער פון אייך גרייט ?

— איך וועל זאָגן, איך אויך, איך וועל ניט איינשלאָפן...

דורך די צעעפנטע פענצטער קוקן אַריין די צווייגן פון לינדנבוים, מורמלען שטיל, דערציילן סודות פון דער זומערדיקער נאַכט.

דער טאַטע שפּאַצירט איבערן זאַל, דער האַרציקער גמרא־ניגון פליסט בנעימותדיק, באַרואיקט.

מיר זאָגן און זאָגן דעם תיקון־שבועות און ס׳נעמט גאָר קיין סוף ניט. די אויגן קלעפּן און פאַרמאַכן זיך... איך שטרענג אָן אַלע כוחות, קער איבער אַ בלעטל און פלוצלונג גיט זיך דאָס קעפּל אַ נויג. איך פּיל, ווי איך פלי אין דער הייך אַלץ העכער און העכער. איך הער, ווי עמעצער וועקט מיך. איך רייס אויף די אויגן. דורך די פענצטער שטראַלט אַריין די זון. די מאַמע שטייט איבער מיין בעט און זאָגט:

— שטיי אויף, זון מיינער, דער טאַטע וואַרט אונטן. ס׳איז שוין שפּעט, היינט איז דאָך שבועות!

ביי שמעון-לייבן אין חדר

היינט האָב איך אָוועקגעפירט מיין יינגערן ברודערל, משהלען, אין חדר אַריין צו שמעון־לייבן דעם דרדקי מלמד.

שמעון־לייב איז אַ ייד משלנו, אַ ליבאַוויטשער חסיד, מיט אַן אָפענעם פּנים און אַ שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן.

דער חדר איז אויף דער שול־גאַס. אַ פירהויז מיט וויס געקאַלכ־טע ווענט פירט צו אַ גרויסן צימער מיט צוויי פענצטער צום גאָרטן.

פינף־ און זעקס־יאָריקע יינגלעך זיצן אויף בענק, וואַרטן — דער רבי זאָל זיי צורופן צום טיש לערנען. אייניקע עסן זייערע אָנבייסנס, וואָס זיי האָבן גענומען מיט זיך. אַנדערע שפּילן זיך מיט קנעפּלעך.

שמעון־לייב האָט אונדז באַגריסט גאַנץ פריינדלעך.

— אָט דאָס איז משהלע. מ׳האָט מיר דערציילט, אַז ער קען שוין דעם גאַנצן אַלף־בית און אַפילו מיט די נקודות. אויב אַזוי, לאָמיר טאַקע הערן, וואָס ער קען.

ער האָט אָוועקגעזעצט משהלען ביים טיש, וואו ס׳זיינען געזעסן זעקס יינגלעך מיט אָפענע סידורים.

— זאָג מיר, משהלע, וואָס איז דאָס? — האָט שמעון־לייב געטייטלט מיטן טייטל.

— אַן אַלף.

— און דאָס?

— אַ בית.

— און דער מיטן פּיסעלע?

— אַ גימל.

— און וואָס איז דאָס?

— דאָס איז פּתח ז—זאַ.

— און וואָס איז דאָס?

— דאָס איז סגל ב—בע

אין דער רגע איז אין חדר אַריין מיין מוטער מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם און האָט זיך אומבאַמערקט געשטעלט ביים טיש.

נאָך יעדער משהלעס געלונגענעם ענטפער איז פון דער הייך געפאַלן אויפן טיש אַ קופּערנער דרייער, אַ צענער, נאָך דעם האָבן גענומען פאַלן זילבערנע מטבעות: אַ גריוועניקל, אַ גילדן און אַפילו אַ צוואַנציקער.

— דאָס וואַרפן דיר מלאכים מתנות פאַר דיין וואויל לערנען, — האָט שמעון־לייב געזאָגט מיט אַ שמייכל.

די מאַמע האָט דערווייל אויפגעבונדן דאָס פּעקל און גענומען אויסטיילן די אַלע גוטע זאַכן, די טייגלעך, די יאַדערלעך, די אינגבערלעך, די צוקערלעקעכלעך צווישן די תלמידים, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט צום טיש צו באַקומען זייערע חלקים.

און שמעון־לייב האָט צו דער געלעגנהייט גענומען באַווייזן זיינע קונצן פאַר דעם קינדערשן עולם.

אַ גלעט געטאָן די באָרד, האָט ער באַפוילן אַלע יינגלעך אויסזעצן זיך אויף די בענק, האָט אַרויסגענומען פון אַלמער אַ קעסטעלע, אַ דריק געטאָן אַ ספּרונזשינע און פון אינעווייניק איז אַרויסגעפלויגן

אַ לאַנגע שלאַנג מיט אַ שאַרף, פאַרשפּיצט קעפּל, האָט דורכגעשוועבט אין דער לופטן און זיך אַראָפּגעלאָזט ערגעץ אין אַ ווינקל. נאָך דעם האָט ער ווידער אָנגעדרייט אַ ספּרונזשינקעלע און איבערן טיש האָט געגומען שפּאַנען אַ פּייקלער און געפּייקלט און געפּייקלט.

וואונדער איבער וואונדער! די תלמידים זיצן פאַרגאַפטע אויף די בענק און באַוואונדערן מיט גלאַנציקע אויגן די אויסטערלישע קונצן.

און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. באַלד האָט דער רבי אַוועקגעשטעלט אַ קליין הילצערן שטיבעלע מיט אַ באַלויכטענעם פענצטערל.

— קוקט זיך צו, — האָט דער רבי געזאָגט: — דאָס איז די הייליקע שטאָט ירושלים, דאָס איז דער כותל־המערבי, דאָס איז דער מוטער רחלס קבר און דאָס איז די מערת־המכפלה, וואו מען האָט אונדזערע אָבות און אמהות מקבר געווען.

יעדעס יינגעלע איז צוגעקומען צום טיש, האָט אַריינגעקוקט אין דעם באַלויכטענעם פענצטערל.

לסוף האָט דער רבי צוגעטראָגן אַ קליין פידעלע מיט אַ סמי־טשיקל צום נייעם תלמיד און געהייסן אים שפּילן אויפן פידעלע.

— — — — — — — — — — — —

אין שטעטל האָט מען געוואוסט, אַז שמעון־לייב שמייסט ניט, קנייפּט ניט די תלמידים, און דאָך האָבן אַלע זיינע תלמידים באַוויזן צום סוף פון זמן זאָגן עברי, ווי אַ וואַסער...

די באָבע רייזל

— די באָבע רייזל, די באָבע רייזל קומט, — רופן אויס פריילעך די קינדער.

די שולגאָס־חברה האָבן אַרומגענומען די באָבע פון אַלע זייטן. חדר־ייִנגלעך, מיט אַרויסגעשטעקטע העמדלעך, קלעפּן זיך צו איר, צופּן פאַרן פאַרטעך.

— באָבע רייזל, באָבעשי, וואָס האָסטו הײַנט געבראַכט ?

די באָבע נעמט אַרויס אַ פול זעקל מיט צוקערלעך, טייגלעך און צעטיילט עס צווישן די קינדער.

— אַ ברכה מאַכט פריער, קינדערלעך, אַ ברכה !

מענדעלע דעם איינבינדערס מאַכט הויך אויפן קול אַ ברכה, די קינדער ענטפערן אמן, און מ׳נעמט זיך צו דער סעודה.

יעדער דאָנערשטיק קומט די באָבע רייזל פון דאָרף ביים ראַנד פון שטעטל, וואו זי וואוינט מיט איר מאַן שמואל דעם אַרענדאַר. זי שפּאַנט איבערן שטעטל, קומט אַריין אין די באַלעבאַטישע הייזער, קלייבט צונויף נדבות, עסנוואַרג.

פרייטיק צעטיילט זי עס צווישן די אָרעמע, קיינער זאָל, חלילה, ניט האָבן קיין פאַרשטערטן שבת.

וואו נאָר אַן אָרעמע אַלמנה, אַ קראַנקער ישיבה־בחור — אומעטום קומט די באָבע רייזל, פון יעדן ווייסט זי, אַלעמען העלפט זי, פאַר יעדן זאָרגט זי.

זומער־צייט זעט מען זי זעלטן אין שטעטל, זי איז פאַרנומען אין פעלד, אין גאָרטן. יעדן שבת קלייבן זיך צונויף די קינדער פון שטעטל און גייען באַזוכן די באָבע רייזל. זי זיצט ביים צעעפנטן

פענצטער און לייענט דעם צאינה־וראינה. דער אַלטער שמואל איז מעבר די סדרה אויפן קול.

— גוט־שבת באָבעניו, גוט־שבת זיידע, מיר זיינען געקומען זאָגן אייך אַ גוט־שבת, זען, וואָס איר מאַכט.

— אַ גוט־שבת אייך, קינדער, קומט אַריין אין שטוב, שעמט זיך ניט.

דער אַלטער שמואל רוקט אַראָפּ די שפּאַקולן, באַטראַכט אונדז, פרעגט אונדז אויס, וואו מיר האַלטן אין לערנען, וויל וויסן, ווער פון אונדז עס לערנט שוין גמרא, און הייסט אונדז אויסזעצן זיך ביים טיש.

מיט אַן אַלטער ציטערדיקער שטימע הייבט ער אָן זאָגן דעם פּרק, פּסוק נאָך פּסוק, מיר אַלע נאָך אים.

אַזוי פירט זיך יעדן זומערדיקן שבת. פאַרענדיקט דעם פּרק, הייסט שמואל דערלאַנגען טיי.

די באָבע רייזל נעמט אַרויס פון אויוון דעם ליימענעם הליאַק, דערלאַנגט יעדן אַ גלאָז טיי און דערצו נאָך אין אַ קליין פאַרביק טעלערל מאַלינע־איינגעמאַכטס.

מיר טרינקען טיי, פאַרבייסן מיטן שמעקנדיקן איינגעמאַכטס. די צווייגן פון די צעבליטע ליפּעס קוקן אַריין אין פענצטער, זשומען, דערציילן זיך מעשיות...

— — — — — — — — — — — —

מיר זיצן אַרום טיש ביי שרה דער גלעזערקע אין שטוב, שטאַרק פאַרטאָן אין תנ״ך.

פּלוצלונג צעעפנט זיך די טיר. ס׳רוקט זיך אַריין די באָבע רייזל.

— אַ גוט מאָרגן, רבי, אַ גוט מאָרגן, קינדער, — רופט זי אויס, שטייענדיק ביי דער טיר, און ווינקט צום רבין מיטן פינגער.

דער רבי הייבט זיך אויף פון אָרט, גייט אַרויס מיט דער באָבען אין פירהויז, מיר הערן זיך איין צו זייער געשפּרעך, קענען ניט אויפ־כאַפּן אַלץ, וואָס ס׳ווערט גערעדט, נאָר איינצלנע ווערטער, ווי „באַלע־

באַטישע קינדער", "איך נעם עס אויף זיך", "ניט פאַרשעמען אַן אָרע־מאַן" — דערגרייכן אונדזערע אויערן.

נאָכן לערנען דערציילט אונדז דער רבי, אַז די באָבע רייזל האָט אונדז שטאַרק געבעטן, מיר זאָלן צוגיין נאָכן לערנען צו לייבע דעם דאָרפגייער, לייענען קריאת־שמע צום בן־זכר.

מיר זיינען מסכים, פריילעך און לעבעדיק לאָזן מיר זיך דורך די געסלעך, קומען צו צו אַ זאַוואולעק, וואו ס׳וואַקסן עטלעכע פאַר־קריפּלטע ווערבעס, אַ פאַרשימלט געל־גרינלעך וואַסער, זשאַבעס קוואַקען.

לייבע דער דאָרפגייער איז אַ קבצן. זיין הייזל שטייט האַרט ביים וואַסער. סאיז אַ הייזל אויף הינערשע פיסלעך, אויסגעקרימטע ווענט־לעך, קליינע פענצטערלעך, אַ נידעריקער שוועל פירט אין אַ פינצטערן פירהויז.

מיר טאַפּן אָן דאָס הילצערן הענטל און רוקן זיך אַריין אין שטוב. אַ נידעריקע סטעליע, אַן ערדענער דיל. די ווענט אָרום און אָרום, דער פאָרהאַנג, הינטער וועלכן ס׳ליגט די קימפּעטאָרין, זיינען פאַר־האַנגען מיט שיר־המעלות.

אייזיק, אַ מאדים אַ יינגל, נעמט זיך אָן מיט מוט, רופט:

— באָבע רייזל, באָבינקע, מיר זיינען שוין געקומען.

פון הינטערן פאָרהאַנג רוקט זיך אַרויס די באָבע רייזל, זי שיינט, די אויגן לויכטן, פון טשיפּעק הענגען אַראָפּ גרייע סטענגעס.

אַ ברכה אויף אייערע קעפּלעך, קינדערלעך, אַ דאַנק, וואָס איר זייט געקומען, ניט פאַרשעמט אַן אָרעמאַן.

מיט דריבנע טריטעלעך פאַרשווינדט זי הינטערן פאָרהאַנג און באַלד באַווייזט זי זיך מיט אַ טאַץ, אָנגעפּילט מיט אַלדאָס גוטס: לעקעך, טייגלעך, צוקערלעך, ניס, געקאָכטע אַרבעס און באָב.

מיר לייענען הויך אויפן קול קריאת־שמע, ווינטשן דער קימפּע־טאָרין און דעם יינגעלע מזל־טוב, שטופּן אָן פולע קעשענעס מיט גוטע זאַכן און לאָזן זיך פריילעכע אַהיים.

— — — — — — — — — — — —

ס'איז געווען אַ שרעקלעך שווערער ווינטער. באַלד נאָך סוכות האָט זיך איינגעשטעלט אַ שליט־וועג. שוין פאַר חנוכה האָבן פרעסט און שניי־שטורעמס פאַרקאָוועט דאָס קליינע אָרעמע שטעטל.

און מיט שנייען און זאַווערוכעס זיינען שווערע קראַנקייטן גע־קומען אין די אָרעמע יידישע הייזער. פריער די שאַרעלעך און נאָך דעם דער פלעק־טיפוס האָט ניט דורכגעלאָזן כמעט קיין איין אָרעם הויז.

דער איינציקער דאָקטער אין שטעטל האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבן מיט אַזוי פיל קראַנקע.

די באָבע רייזל איז אַרומגעלאָפן פון איין הייזל צום צווייטן, אומעטום געהאָלפן, געוואַכט, געטרייסט מיט אַ גוט וואָרט.

און ווען דער אַלטער שמואל פלעגט איר זאָגן, אַז זי פאַלט דאָך שוין פון די פיס, אַז זי דערקירצט זיך די יאָרן, פלעגט די אַלטע צושאָקלען מיטן קאָפּ און שטיל ענטפערן:

— דו, שמואל, וועסט אפשר מיט דיין דאַווענען און לערנען אויסבעטן זיך לאַנגע יאָרן. איך אָבער וויל מיט מיין מי ניט דערלאָזן, אַז יונגע לעבנס זאָלן באַצייטנס פאַרשניטן ווערן.

זי פלעגט אונטעריאָגן דעם אַלטן יאָזעף, דערמאָנענען אים, אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן אַריינצושטעלן אין שליטן אַ טעפּל מיט מאַלינעס, פלעגט אַ קוש טאָן די מזוזה און מיט דריבנע טריטעלעך אַרויסלויפן צום שליטן.

ווען די קראַנקייטן האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, האָט די באָבע רייזל געפּועלט ביים אַלטן רב צונויפצורופן אַן אַסיפה פון באַ־לעבאָטים.

— וואָס מיינט איר זיך, — האָט די באָבע רייזל געשריען, — אירט זיך באַהאַלטן אין אייערע גרויסע וואַרעמע הייזער און לאָזן אַן עדה יידן אומקומען פון קעלט און קראַנקייטן.

פאַר פּסח האָבן זיך אַ ביסל איינגעשטילט די קראַנקייטן.

די באָבע רייזל אָבער האָט זיך אַליין אָנגעשטעקט מיט פלעק־טיפוס און איז אין עטלעכע טעג פאַרברענט געוואָרן פון היץ.

אַלע האָבן געטרויערט נאָך דער באָבען. די חדר־יינגלעך פון שולגאַס האָבן געטרויערט מער פון אַלעמען.

פאַרן אָרון זײַנען דאָס מאָל, צוזאַמען מיט די תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך, געגאַנגען אַלע קינדער פֿון די חדרים. מיט פֿאַרקלעמטע הערצער, פֿאַרטרערטע אויגן האָבן מיר באַווײנט די טײַערע באָבע רייזל.

ערב־שבת

אַ הייסער פֿרײַטיקדיקער פֿרימאָרגן. דער אַלטער מאַרק איז אויסגעליידיקט. מ׳זעט ניט קיין לעבעדיקן מענטשן. די קרעמער זיצן ביי די טירן, דרימלען, גענעצן.

פֿון בערעזינער גאַס פֿאָרט אַריין צווישן די קראָמען דער דזיעכ־טיאַרניק, וואָס פֿאָרט אַרום איבער די דערפֿער, פֿאַרקויפֿט דזיעגאַכץ, שמירעכץ פֿאַר די הילצערנע אַקסן אין די וועגענער.

דערשמעקט די שטאַל, האָט דאָס גרוי־ווײַסלעך פֿערדל גענומען שטעלן טריט, די רעדער קלאַפּן איבערן ברוק. די קרעמער דערוואַכן. „אַהאַ, משיח איז שוין דאָ“. אַפֿילו מאָטאווילע (מרדכי־וועלוול), וואָס זיצט אויפֿן הויכן גאַניק פֿון זײַן קראָם אין מאַרק, כאַפּט זיך אויף פֿון אַ טיפֿן שלאָף און לאָזט וויסן זײַן פֿייגלען, אַז זי זאָל אים אָנגרייטן וועש, ער גייט אין מרחץ.

דערווײַל האָט דאָס פֿערדל דערגרייכט דעם ווינקל־הויז פֿון שול־גאַס. יעקב־וועלוול דער בעקער שטייט באַצייטנס אָן אויסגעפּוצטער אין שבתדיקע מלבושים ביי דער טיר פֿון דער בעקעריי.

— שלום עליכם! אַז מ׳וואַרט אויף משיחן, דערוואַרט מען זיך, — זאָגט יעקב־וועלוול מיט אַ שמייכל. — אָבער איין זאַך פֿאַרשטיי איך ניט. ס׳שטייט דאָך: „עני ורוכב על חמור.“ אָן עני ביסטו טאַקע. אָבער וואו איז דער חמור? דו רײַטסט דאָך אויף אַ סוס.

— דײַנע חכמות זײַנען, ווי דײַנע קוכנס, אַ ביסל אַלט געבאַקן, — ענטפֿערט דער דזיעכטיאַרניק, און האָט אַוועקגעיאָגט זיך מיטן וועגעלע.

געקומען צו זיין שטיבל, האָט ער געטראָפן די יידענע זיינע מיט אַ פּעקעלע וועש, אַ שטיקל זייף. אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, האָט דער דזיעכטיאַרניק מיטן פּעקעלע אונטערן אָרעם איילעק געלאָזט זיך לויפן אין מרחץ אַריין. אַרומגעוואַשן זיך, גוט זיך אויסגעבע־זעמט, האָט ער זיך טובל געווען אין מקווה און איילעק געגומען שפּאַנען אַהיים. דער וואָגן איז געווען אויסגעלאָדן, דאָס פערדל האָט אין אַ ווינקל פון שמאָלן הויף געשמאַק געקייט היי. אין שטוב מיטן ערדענעם דיל איז דער טיש שוין ערב־שבתדיק געווען געגרייט. אַ פריישיקדיקע בולקע, אַ גלאָז ציגענע מילך.

— דו ביסט דאָך גאָר אַ מוראדיקע בריה, פון וואַנען נעמען זיך ביי דיר כוחות?

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן אָנבייסן, האָט ער צופרידן באַטראַכט די פּעקלעך חזיר־האָר, די פעלכלעך, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין די דערפער.

אַרויסגענומען פונעם קליינעם ספרים־אַלמער אַ משניות, האָט דער דזיעכטיאַרניק געלאָזט זיך גיין צום גרזיסן בית־מדרש, וואו ער פלעגט שוין פאַרבלייבן ביז קבלת־שבת.

חוץ דעם אונטער־שמש איז קיינער ניטאָ. ס'איז שטיל, קיל. זאָגט דער דזיעכטיאַרניק איין פּרק משניות נאָכן צווייטן, ביז ער ווערט פאַר־טיק מיט זיין מעמד, וואָרעם בעת זיין וואַנדערן איבער די דערפער איז קיין צייט ניטאָ פאַר משניות־לערנען. ס'איז נאָך גוט, וואָס ער קען בהפזין אַריינכאַפּן דאָס דאַווגען. און אַז דער אַלטער יאשע קומט אַריין, נעמען זיי זיך ביידע פאַרן עין־יעקב. עין־יעקב איז דעם דזיעכ־טיאַרניקס באַליבטער ספר. ער פאַרגעסט זיך אָן דער גאַנצער וועלט. ער שוועבט אין די עולמות העליונים. און וואו נאָר ס'ווערט דערמאָנט גאולה־שלמה, ביאת־המשיח, ווערט ער מוראדיק באַגייסטערט און הייבט אָן מאָלן פאַר דעם אַלטן יאָשען אַ ליכטיקע וועלט, וואָס משיח וועט ברענגען. אין שטעטל האָט מען געוואוסט פון זיין באַגייסטערטער ליבע צו משיחן און אַזוי אַרום האָט זיך דער נאָמען „משיח" צוגע־קלעפּט צו אים. מ'האָט פאַרגעסן זיין ריכטיקן נאָמען.

דער לאַנגער זומערדיקער טאָג האַלט ביים פאַרענדיקן זיך. ס׳נעמען זיך שפּרייטן נאַכטיקע שאָטנס. עליע דער שמש גרייט זיך צו קבלת־שבת. ס׳קומען אַריין יידן, נעמען אַרויס פון אַלמער אַ ספר, קוקן אַריין. מ׳האָט אָפּגעדאַוונט מנחה. דער בית־מדרש איז אָנ־געפילט מיט מתפּללים. באַלד דערהערט זיך דער ציקלדיקער לכה־דודי, וואו יידן נעמען אויף דעם שבת, ווי די באַגערטע כלה.

אין דער רגע עפנט זיך די טיר און ניסן דער בעל־עגלה קומט אַריין אין בית־מדרש. ווי ער זאָל זיך ניט יאָגן צו קומען באַצייטנס צו קבלת־שבת פון זיין ווייטער נסיעה, — האַלט ער כסדר אין פאַר־שפּעטיקן זיך און פאַרט אַריין פון מינסקער גאַס אין אַלטן מאַרק מיט זיין בויד און אָנגעפּאַקטן מיט סחורה וואָגן שוין נאָך דעם, ווי מ׳האָט אָנגעצונדן די בענטשליכט אין די יידישע הייזער. האָט מען אים אין שטעטל אַ נאָמען געגעבן „לכה־דודי״, און אַזוי איז עס געבליבן אויף שטענדיק.

קיין גרויסער גביר איז ניסן דער בעל־עגלה ניט. קוים וואָס ער ציט חיונה פון דער שווערער האָרעוואַניע. אַן ערך פיר טעג געדויערט די ווייטע נסיעה מיט פערד און וואָגן אין דער גרויסער שטאָט און צוריק. זונטיק און מאָנטיק לויפט ער אַרום איבערן שטעטל, זאַמלט נדבות פאַר דער ישיבה, כאַפּט זיך אַריין אין דער לעכעוויטשער שול, וואו ר׳ לפידות זאָגט דעם שיעור, און טיילט אויס ברויט און חלה צווישן די ישיבה־בחורים, וועמען עס פאַרפעלן טעג.

דער קאָידענאָווער רבי קומט אין שטעטל

דער קאָידענאָווער רבי איז דאָס מאָל געקומען אין שטעטל אַ ביסל אומדערוואַרט. געוויינטלעך פלעגט ער קומען, איידער מ׳האָט פאַרענדיקט ציילן ספירה. איצט איז מען דאָך שוין אַריינגעפאָרן אין תמוז.

צומאָרגנס נאָך זיין אָנקומען האָט דער עולם גענומען אָנפילן דעם גרויסן זאַל אין ר׳ לייבע קאָפּעלעוויטשעס הויז. בייטאָג האָט מען געזען, ווי די רייכע באַלעבאַטים, אַליין גאָר ליבאַוויטשער חסידים, קומען אַזש פונעם נייעם מאַרק, אָנגעטאָן אין די שבתדיקע סורדוטן, אָפּצוגעבן שלום־עליכם דעם רבין. אַפילו דער גרעסטער גביר אין שטעטל, גאָר אַ רייכער וואַלד־סוחר, איז אויך געקומען.

פאַרנאַכט האָט גענומען ציען דער עמך־עולם, בעלי־מלאכות, קצבים, באַלעגאָלעס. חנה די שניידערקע פון באָד־גאַס פירט איר יינגעלע, דעם בן־יחידל. זי וויל, אַז דער רבי זאָל אים בענטשן מיט אַריכת־ימים. ס׳האַלטן זיך ניט ביי איר קיין יינגלעך. און באַלד טאַקע קומט אַרויס די פאַרהאָרעוועטע יידענע אַ גליקלעכע, אַ שיי־נענדיקע. דער רבי האָט אים געבענטשט! אין האַנט האַלט זי נאָך דעם זילבערנעם האַלבן רובל. דער רבי נעמט ניט קיין פּדיון־געלט.

אויך באַשע די זקנה, אַן עלנטע אַלמנה, איז געקומען צום רבין נאָך אַן עצה. זי וויל, אַז דער רבי זאָל איר העלפן אויפזוכן איר איינציקן זון, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אַוועק פון שטעטל און איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער...

מ׳האָט גוט געקענט די אַלטיטשקע אין שטעטל, וואָרעם יעדער מאָל, ווען די פּאָליציי הייבט אָן אויפמאָנען דעם ליכט־אָפּצאָל (סוועטש־

נאַי סבאַר), וואָס גייט כלומרשט אויף אויסצוהאַלטן שולן פאַר יידישע קינדער, נעמט מען אַוועק ביי דער אַלמנה אירע קופּערנע לייכטער און קישנס. מילא, אַן אַ קישן קען זי זיך נאָך באַגיין, אָבער ליכט־בענטשן! ווערט אַ גערודער אין שטעטל. און אַז דער אַלטער רב דערוויסט זיך פון דעם, שיקט ער נאָך עליע דעם שמש, טוט אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און לאָזט זיך אײַלנדיק צו יצחק־אײַזיקן אויפן נייעם מאַרק, וואָס איז אַ גאַנצער מאַכער אין אופּראַווע (שטאָט־פאַר־וואַלטונג). ס׳געדויערט ניט לאַנג און עליע דער שמש מיט לאַהויסקין, דעם עלטסטן דעסיאַטניק (פּאָליציימאַן), טראָגן מיט גרויס פּאַראַד די קופּערנע לייכטער און די קישנס צוריק צו דער אַלמנהס שטיבל.

און אַז דעם רבינס שמש האָט געלאָזט וויסן, אַז די זקנה טרעט ניט אָפּ פון טיר, האָט דער רבי געהייסן גלייך זי אַרײַנלאָזן. זי קומט אַרויס אַן אויפגעמונטערטע, אַ באַרואיקטע. דער רבי האָט באַפוילן, אַז זי זאָל דעם בטחון ניט פאַרלירן, דער זון אירער וועט זיך אָפּזוכן און זי וועט נאָך פון אים אַ סך נחת האָבן.

צומאָרגנס, ווי נאָר איך בין געקומען פון חדר, האָט מיך דער פאָטער מײַנער גענומען צום רבין. דאָס הויז איז איבערגעפילט געווען מיט אַן עולם יידן ניט נאָר פון שטאָט, נאָר אויך פון די אַרומיקע ישובים, וואָס זײַנען געקומען נאָך עצות, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון די רשעותדיקע גזירות: מ׳טרײַבט פון די דערפער, וואו זיי זײַנען געבאָרן געוואָרן, מ׳טרײַבט פון די פאָלוואַרקעס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין אַרענדע פון די אַרומיקע גוט־באַזיצערס.

ס׳איז שוין געווען פינצטערלעך, ווען דער פאָטער מײַנער איז אויפגענומען געוואָרן פון ר׳ מענדעלען. די טיר פון חדר־המיוחד האָט זיך צעעפנט. אַ הויכער ייד מיט אַ רויטלעכער באָרד, קלוגע, גוטע אויגן, איז צוגעקומען, האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט, אַרײַנגע־פירט אינעווייניק, אָנגעבויגן זיך, אַרײַנקוקנדיק אין די אויגן, אַרויפּ־געלייגט די הענט אויפן קאָפּ, שעפּטשענדיק אַ ברכה.

דעם שבת איז די לעכעוויטשער שול אָנגעפּאַקט געווען מיט יידן פון דער גאַנצער שטאָט. די ליבאַוויטשער שול האָט זיך באַלד נאָך

מוסף אויסגעליידיקט. אפילו יעקב דוד־מאירס, וואָס פלעגט געווײנט־לעך לאַנג נאָכן דאַווענען פאַרבלייבן אין שול, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אין צווישנאָרעם אָן וואַנט, איז דאָס מאָל, צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם, אַוועק אין לעכעוויטשער שול. אויב ניט דער ליבאַוויטשער, איז לכל־הפחות דער קאַידענאָווער. וואָרעם די נסיעות צום ליבאַוויטשער אויף ימים־נוראים האָבן פון אונדזערע מקומות כמעט אין גאַנצן אויפ־געהערט. פאָלג מיר אַ גאַנג! מיט דער פור אַזש קיין ליבאַוויטש איז אַ היפשער מהלך. און חוץ דעם איז די התקרבות צווישן די צדדים געווען זייער אַ נאָענטע. ליבאַוויטשער חסידים פלעגן גאַנץ אָפט אַפילו באַ־נוצן זיך מיטן לעכעוויטשער רבינס סידור.

צו שלש־סעודות איז דער געדראַנג אין ר׳ לייבע קאַפּעלעוויטשעס זאַל געווען מוראדיק. אַרום די טישן האָבן דעם אויבנאָן פאַרנומען די לעכעוויטשער חסידים. מימינו, פון דער רעכטער האַנט, איז לעבן רבין געזעסן ר׳ לפידות, דער ראש־ישיבה. משמאלו, פון דער לינקער האַנט, איז געזעסן חיים דער בעל־עגלה מיט די לאַנגע געקרייזלטע פאות.

און ווען דער רבי האָט זיך אָנגעבויגן איבערן טיש, באַטראַכט דעם חסידישן עולם, וואָס האָט אָנגעפּאַקט דעם גרויסן זאַל, אַרויפ־געלייגט די לינקע האַנט אויפן שטערן, פאַרמאַכט די אויגן און האָט גענומען זאָגן, איז דער עולם ווי פאַרגליווערט געוואָרן. שטיל, ס׳הערט זיך נאָר דאָס גרילצן פון אַ גריל און דאָס פלאַטערן פון די שוועלבעלעך, וואָס האָבן אַרום זייערע נעסטן אין די געזימשן פון די פענצטער. נאָר ר׳ לפידות האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ, באַוועגן מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט איינחזרן די תורה, איינקריצן עס אין זיין זיכרון. ער וועט עס אין משך פון לאַנגע וואָכן איבערחזרן פאַרן עולם בעת די אָרעמע שלש־סעודותן אין דער לעכעוויטשער שול.

און ווי נאָר ר׳ מענדעלע האָט פאַרענדיקט, האָט ישראל דער מלמד גענומען זינגען די זמירות „כגונא דאינון מתיחדין" מיט אַזוי פיל מתיקות און התלהבות, אַז ניט נאָר דער עולם אַרום טיש, נאָר אויך אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען דרויסן ביי די צעעפנטע פענצטער, האָבן עס

אונטערגעכאַפּט, און ביז שפּעט אין אָוונט האָבן די זמירות געקלונגען איבערן אַלטן מאַרק.

צום צאתך־לשלום האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל פאַרזאַמלט אויפן אַלטן מאַרק. אַפילו די חדר־ייִנגלעך מיט די מלמדים זיינען געקומען. דאָס געדראַנג איז געווען גרויס. די דיעסאַטניקעס מיט לאהויסקין בראש האָבן גענומען איינשטעלן אָרדענונג. געמאַכט אַ וואָרע פאַר ר' מענדעלען, דעם שמש און ר' לפידותן, וואָס האָבן זיך קוים דורכגעשטופּט צום פּאָסט־וואָגן, געשפּאַנט מיט צוויי פערד.

צאתך לשלום, צאתך לשלום!

דודל

די זומערדיקע היץ שטאַרקט זיך. מ'האָט שוין געבענטשט ראש־חודש תמוז. און מיר, חדר־ייִנגלעך, טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון דער הייליקער תורה. פון פרימאָרגן ביז פאַרנאַכט זיצן מיר אַרום דעם לאַנגן טיש, לערנען חומש, די סדרה פון דער וואָך, האָבן פאַרענדיקט ישעיה און האָבן זיך גענומען פאַר ירמיהו. ערשט פאַרנאַכט נעמען מיר אַרויס אונדזערע שרייב־געצייג, די האַלטערס מיט די פּענעס, די טינט, די העפטן, וואָס דער רבי האָט אויסגעווירעט. מיר לערנען העברעאיש, דעם לוח־הפּועלים: פּקד, פּקדתי, פּקדת. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דעם שפּעטערדיקן חדר־מתוקן, דעם רעפאָרמירטן חדר, וואָס האָט בכלל קיין גרויסן דערפאָלג ניט געהאַט. מיר האָבן אַפילו פאַרזוכט דעם טעם פון רוסיש, אַ קליין ביכל, פּאַאולסענס גרעסטאָמאַטיע. מעשיות מיט אַ מוסר־השכל, פאַבלען, לידער. און אַז דער פאָטער מיינער האָט זיך צופעליק דערוואוסט פון דעם, האָט ער מיט קוים איינגעהאַלטענעם כעס געזאָגט: „זאָג דעם רבין דיינעם, אַז דו קענסט אויסקומען אָן דעם. די תורה וועסטו ניט פאַרשפּעטיקן.‟

פרייטיק לערנען מיר נאָר אַ האַלבן טאָג. איז טאַקע גלייך נאָכן

לערנען לאָזן מיר זיך הינטערן שטאָט צום „הויכן באַרג", וואו ס'שטייט דעם אַלטן גלחס הויז מיט די ווייסע לאַדנס. הינטער דעם הויז ציט זיך אויף אַ ווייטער שטרעקע אַ פּרוכט־גאָרטן: עפּל, באַרן, פלוימען און קאַרשן־ביימער. די שטעגן אין דעם אַלטן פאַרלאָזענעם סאָד זיינען פאַרוואַקסן מיט ווילד־גראָז. קוסטעס מאַלינעס, ווינפּערלעך, אַגרעסן זיינען אויסגעמישט מיט ווילד צעוואַקסענע רויזן־בלומען, און פּלוצלונג שפּרינגט אַרויס פון צווישן די קוסטעס אַ האָז, זעצט זיך אויף די הינטערשטע פיסלעך, באַוועגט מיט דער צעשפּאַלטענער ליפּ און ווידער אַ שפּרונג.... און פאַרשווינדט פייל אויסן בויגן אין דעם גרינעם ים.

נאָר איין טייל פון דעם ווילד פאַרוואַקסענעם סאָד ווערט געהאַלטן אין אָרדענונג — די „פּאַסיעקע", וואו איבער הונדערט בינשטאָקן זיינען צעשפּרייט געווען צווישן די שטאַמען פון אַלטע צעצווייגטע לינדן־ביימער. דער אַלטער גלח, מיט דער לאַנגער שניי־ווייסער באָרד, גייט אַרום צווישן די בינשטאָקן, גיט אַכטונג אויף זיין בינען־מלוכה. און ווען ער דערזעט אונדז, פרעגט ער אונדז אויס, וואָס מיר לערנען אין חדר, און לסוף איז ער, ווי געוויינטלעך, אונדז מכבד מיט פרישן האָניק.

נאָך דעם גייט אַוועק אַ סדרה פון קינדערשע שפּילן: שלי שלי ושלך שלי, קאַשע, קוגל, פלייש און פאַרענדיקט זיך מיט אַ מלחמה־שפּיל, וואו ס'צייכנט זיך אויס דער קליינער דודל.

דוד איז אַ בן־יחיד, דער זון פון אַ רייכן אייזן־קרעמער. די מאַמע זיינע ציטערט איבער אים, מיר אַלע האָבן אים ליב פאַר זיין גוטס־קייט און האַרציקייט. ער טיילט זיך מיטן לעצטן ביסן און מיר אַלע געניסן פון זיינע אַנבייסנס: די הינערשע לעבערלעך, איינגעמאַכטס און פּוטער־געבעקס, וואָס ער ברענגט מיט אין חדר. דער זעלבער דודל האָט איין מאָל אויסגעטאָן זיינע בייע שטיוועלעך און געביטן זיך מיט דעם וואַסער־טרעגערס יינגלס צעריסענע שיך. די מאַמע זיינע האָט זיך גלייך דערוואוסט פון דעם און איז מיט אַ געפּילדער אַריינ־געלאָפן אין חדר.

— דודל, וואו זיינען דיינע נייע שטיוועלעך ?

— ווי גיך דו האָסט זיך דערוואוסט, מאַמע, — ענטפערט דודל, און די גרין־גרויע אויגן זיינע שפּריצן פונקען. — דו קענסט מיר קויפן נייע שטיוול און לייבל האָט אַפילו קיין ברויט ניט גענוג.

די צעפלאַמטע יידענע רוקט זיך אַרויס פון חדר. דער רבי האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, איז צוגעקומען צו דודן, האָט אים צערטלעך אַ גלעט געטאָן איבערן בעקל.

אָבער נאָך מער ליב און טייער איז דודל אונדז געוואָרן, ווען דעם זעלבן זומער האָט ער פאַרטריבן הרישקען פון אַלטן מאַרק.

יעדן פרילינג פלעגט זיך באַוויזן אין שטעטל אַ הויכער פעסט־געבויטער גוי, הרישקע, וואָס פלעגט אַרומגיין איבערן מאַרק, איבער די גאַסן מיט אַ קליין פעסל, באַלאַנסירט אויפן קאָפּ, און אויסרופן: מאָ־ראָ־זשע־נאָ־יע... (אייז־קרים). פאַרקויפט זיין סחורה, פלעגט זיך הרישקע גוט אָנשיכורן און אַוועקפאַלן אין די קוסטעס הינטער דעם רוסישן קלויסטער. און יעדעס מאָל פלעגט הרישקעס אויסניכ־טערן זיך באַגלייט ווערן מיט אַ בהלה אויפן אַלטן מאַרק. די מאַרק־יידענעס פלעגן כאַפּן זייערע קאָשיקעס און צעלויפן זיך, ווי פון אַ שרפה.

דאָס מאָל, ווען הרישקע איז אַרויסגעקראָכן פון די קוסטעס, זיינען זיך, ווי געווייינטלעך, אַלע צעלאָפן פון מאַרק, קרעמער האָבן געגומען פאַרהאַקן די קראָמען, און נאָר מירע, די כוואַטסקע יידענע, איז גע־בליבן ביי אירע קאָשיקעס מיט פּרוכט און גרינס. הרישקע האָט אַראָפּגעריסן מירעס פאַרוק, גענומען זי אַוועקשלעפּן פון די קאָשיקעס. די ווייבער האָבן געשריען, קינדער האָבן געטומלט און רב ליאטע, אַ קליין יידל מיט לאַנגע פּיאות און אַ שפּיציק בערדל, האָט ווי אַ הענדל אַרומגעטאַנצט און נאָר פון דער ווייטנס פאַרמאָסטן זיך מיט דעם שירעם, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן אונטערן אָרעם.

אין דער רגע האָט זיך דער קליינער דודל אַרויסגערוקט פון עולם, איז צוגעלאָפן און האָט אַריינגעלאָזן זיינע שאַרפע ציינדלעך טיף אין הרישקעס פוס. דער שיכור האָט פון ווייטיק אַ געשריי געטאָן, האָט

אָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם אָנגרייפֿער. דודל איז ניט אַנטלאָפֿן. ער האָט מיט זײַנע געביילטע פֿויסטלעך פֿאַרמאָסטן זיך אויף הרישקען, ווי ער וואָלט אים אַרויסרופֿן אויף אַ געשלעג. דער שיכּור האָט מיט פֿאַרוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויף דודן, האָט אויסגעשפּיגן און האָט מיט וואַקלדיקע טריט פֿאַרלאָזן דאָס שלאַכטפֿעלד.

פֿון דעמאָלט אָן איז דודל נאָך מער דערהויבן געוואָרן אין אונד־זערע אויגן.

די זומערדיקע חדשים

פֿון שבֿעה־עשׂר־בתּמוז ביז נאָך יום־כּיפּור איז דאָס שטעטלשע לעבן פֿאַראומערט און פֿאַרקלאָגט. קלאָג־לידער אויפֿן חורבן, תּעניתים, סליחות, דערוואַרטונג אויפֿן גרויסן יום־הדין. און ווען מ׳הערט זיך צו בין מינחה למעריבֿ צו די געשפּרעכן פֿון די ייִדן וועגן גזירות, ווען מ׳זעט די אַרויסגעטריבענע ישובֿניקעס, וואָס בלאָנקען זיך אַרום איבערן מאַרק, איבער די גאַסן, ווערט אַזוי אומעטיק אויפֿן האַרצן. און כאָטש מיר, חדר־ינגלעך, קלייבן זיך ניט געווי פֿונאַנדער, וואָס אַזוינס עס שטעלן מיט זיך פֿאָר „איגנאַטיעווס צייטווייליקע געזעצן״, פֿילן מיר אָבער די הילפֿלאָזיקייט און די געבראָכענע געמיטן פֿון אונדזערע טאַטעס, און שוואַרצע שאָטנס לייגן זיך אויף די צאַרטע נשמות פֿון יונגע קינדער.

דעם זעלבן זומער האָט מען דערציילט מוראדיקע זאַכן וועגן אַ שרעקלעכן הונגער ערגעץ ווייט אין רוסלאַנד, אין די וואָלגער געגנטן. אין אונדזערע מקומות, אין דער אָרעמער פּאָלעסיע, האָט קיין הונגער ניט געדראָט, אָבער די פּרייזן אויף מעל זײַנען געשטיגן; פֿון פֿינף און זיבעציק קאָפּיקעס אַ פּוד איז קאָרענע מעל געשטיגן ביז אַ רובל מיט אַ פֿערטל און העכער. אַן אָרעמע ייִדענע פֿלעגט אויסבאַקן אַ פּוד מעל — איז זיכער געווען מיט חיונה פֿאַר דער גאַנצער משפּחה. אַ ביסעלע מילך צו פֿאַרווייסן דעם קרופּניק, אַ הערינג, בולבעס, אַלץ צוזאַמען איז געווען גענוג דורכצושטופּן אַ וואָך צײַט.

און דאָ האַלטן די פּרייזן אויף מעל כּסדר אין שטייגן. וואָרעם לאַטעס איידעם, דער וואָכערניק, קויפט אויף דאָס ביסעלע תּבֿואה, וואָס פּויערים ברענגען זונטיק אויפן מאַרק. און אַז מ'קומט צו עליע דעם מעלער אין קראָם, הייסט ער זיך באַצאָלן צוויי רובל פאַרן פּוד מעל.

איז אין שטעטל געוואָרן אַ גערודער. און שבת האָט מען מעכּבֿ־הקריאה געווען, ניט געלאָזט לייענען די תּורה, און אויפגעפּאָדערט, אַז קהל זאָל זיך אַריינמישן אין דעם ענין און זען, אַז דעם וואָכערניקס מענטשן זאָלן אויפהערן אויפקויפן די תּבֿואה אויפן מאַרק.

דאָס האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן. האָבן זיך דעם קומענדיקן מוצאי־שבת, נאָך הבֿדלה, צונויפגענומען עטלעכע צענדליק בעלי־מלאכות און געלאָזן זיך צום בעל־דבֿרס הויז. דער וואָכערניק האָט זיך באַהאַלטן. אָן עולם יידן האָט זיך אַריינגעריסן אין הויז, געניש־טערט איבער אַלע ווינקעלעך, געזוכט אויפן בוידעם — ניטאָ, ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלן. דער אויפגערייצטער עולם האָט אויסגעהאַקט די שויבן און געוואָרנט די בני־בית, אַז זיי זאָלן זיך בעסער אָפּטראָגן פון שטעטל. אין אַ וואָך אַרום איז דעם וואָכערניקס גאַנצע משפּחה פאַרשוואונדן.

די דריי וואָכן

דערווייל האָט זיך דער זומער אַ רוק געטאָן און האָט דערגרייכט די דריי וואָכן. פון שבעה־עשר בתמוז ביז נאָך תשעה־באב וועלן זיך יידן דאַרפן אונטערגאַרטלען. קיין פלייש טאָר מען ניט טועם זיין חוץ שבת־קודש. מ׳קומט אָפּ מיט מילכיקס. אין די דאָזיקע „מיל־כיקע״ טעג האָט זיך שטאַרק אָנגעזען די ראָל, וואָס די כשרע בהמה האָט געשפּילט אין עקאָנאָמישן לעבן פון אַמאָליקן באַלעבאָס אין ווייס־רוסלאַנד. כמעט יעדער באַלעבאָס האָט פאַרמאָגט אַ בהמה. און אויב ניט קיין בהמה, איז כאָטש אַ ציג. און בשעת הדחק פאַרנעמט די ציג דעם אָרט פון אַ בהמה. אַפילו אַ קהלשן באָק האָט דאָס שטעטל פאַר־מאָגט. דער באָק איז געווען שטאַרק צוגעלאָזן, און חדר־יינגלעך פלעגן זיך אַרויפכאַפּן אויף אים און רייטנדיק גאַלאָפּירן איבערן אַלטן מאַרק. דערפאַר אָבער איז דער באָק געווען אַ שונא פון ווייבערשן מין און פלעגט גאַנץ אָפט באַפאַלן און שטויסן מיט די הערנער די פרומע ווייבער, וואָס האָבן געשטערט זיין רו אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער ווייבערשער שול.

פאַרענדיקט האָבן זיך די מאָגערע טעג מיט תשעה־באב, דעם שווערסטן תענית אין יאָר. שווערער פאַר אַנדערע תעניתים, מחמת דער טאָג איז לאַנג און די זומערדיקע היץ האַלט נאָך אָן. דער ערב־תשעה־באבדיקער אָוונט מיט דעם האַרצרייסנדיקן ניגון פון איכה איז געווען אַ פאַרשפּיל צו דעם לאַנגן תענית און די קלאָגלידער פון אַ פאָלק, וואָס איז אויף זיין לאַנגן מאַרטירער־וועג שטענדיק געווען דער שעיר־לעזאזל פאַר אַלע געמיינהייטן פון דער „מענטש־לעכער״ געזעלשאַפט.

די הילצערנע בענק איבערגעקערט, אַזוי אַז די זיך־ערטער זיינען זייער נידעריק, שטעק־שיך אויף די פיס, סימן לאבילות, די מאַט־בלאַסע פנימער פון די מתפללים, דאָס קוים איינגעהאַלטענע געוויין, וואָס דערטראָגט זיך פון דער ווייבערשער שול, האָט שווער געמאַכט דאָס געמיט.

יידן אין ווייסרוסלאַנד האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען דעם פירוש־המילות. איך קוק זיך אַרום אויף אַלע זייטן. יעקב דוד־מאירס, ווי זיין שטייגער איז, שטייט אַנגעשפאַרט אַן וואַנט, דאָס פנים פאַר־באָרגן אין צווישנאָרעם, אַ טיפער קרעכץ, אַ וויי־געשריי, רייסט זיך אַרויס פון די מתפללים, נאָר חיים דער שוחט זאָגט די קינות געלאַסן, שטרייכט אונטער די וויכטיקסטע אויסדרוקן מיט דעם כאַראַקטעריס־טיש־חבדישן אויסציען און איבערחזרן די וואָקאַלן. ווען אָבער ס'איז געקומען צו די עשרה־הרוגי־מלכות, צו דעם אָרט, וואו עס ווערט באַשריבן, ווי אַזוי די רוימישע תלינים האָבן געפייניקט רבי־עקיבאן: „וכשהגיעו למקום שהיה מניח תפילין קרא בקול מר צורוח ליוצר נשמתו", און אַז זיי האָבן דערגרייכט דעם אָרט, וואו ער פלעגט לייגן תפילין, האָט ער גערופן מיט אַ ביטער געשריי דעם באַשעפער פון זיין נשמה, — זע איך, ווי טרערן פילן אַן זיינע אויגן, קייקלען זיך איבער די דאַרע באַקן. רב חיים וויינט...

רב חיים איז אַ גרויסער למדן. ער זאָגט אַ שיעור בין־מנחה־למעריב פאַר יידן למדנים. זיין אופן מסביר זיין אַן עניך, אויפנעמען די שווערסטע סוגיא, פונאַנדערוויקלען דעם פאַרפלאָנטערטן קנויל, איז ממש געווען צו באַוואונדערן. דעריבער איז מען טאַקע שטענדיק געקומען צו אים מיט די האַרבסטע סיכסוכים, אויסדערווילט פאַר אַ בורר אין די פאַרוויקלטע געשעפט־ענינים. אָבער די פאַרדינסטן פון די דין־תורהס און בוררות זיינען געווען אומבאַדייטנד און די חיונה פאַר דער גרויסער משפחה האָט ער געצויגן פון שחטות.

אין דער שבת־נחמו־וואָך, ווען איך בין געקומען אַהיים פון חדר, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אונדזער אַ שכנס בהמה איז פאַר־

קראַכן אין די זומפּן און אַז פון פרימאָרגן מאַטערט מען זיך זי אַרויס־צושלעפּן.

איך בין מיט נאָך עטלעכע ייִנגלעך אַוועק צו די זומפּן. פאַר־בייגייענדיק דעם שעכט־הויז, זע איך, אַז די טויערן זיינען ברייט צעעפנט, און איך האָב זיך אומגערן צוגערוקט. אַ זיסלעכער בלוט־גערוך האָט אַ שלאָג געטאָן פון אינעווייניק. איך זע, ווי אַ גרויסער רויטער אָקס איז אומגעפאַלן מיט אַ שווערן קרעכץ, לייבע דער קצב האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן אומגעוואָרפענעם אָקס און חיים דער שוחט האָט זיך מיטן לאַנגן חלף אין האַנט געלאָזן אַראָפּגעלאָזט אויפן נידעריקן בענקל. אַ פיר מיטן חלף... און אַ שטראָם בלוט האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָקס' אויפגעשניטענעם האַלדז...

איך האָב זיך, ווי אַן אונטערגעשאָסענער, געלאָזט לויפן אַהיים. טרערן האָבן פאַרפלייצט די אויגן. איך האָב זיך דורכן קיך אַרויפּ־געכאַפּט אויף דער שאַלקע, פאַרבאַהאַלטן דעם קאָפּ אין די קישנס און ביטער געוויינט.

צומאָרגנס בין איך אין חדר ניט געגאַנגען. איך האָב קיינעם ניט דערציילט די סיבה פון מיין פּלוצלונגדיקער קראַנקייט. און אָרע דער רופא האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן און באַפוילן בלייבן אין בעט. אַ יאָר צייט נאָך דעם האָב איך זיך צו פלייש ניט צוגערירט.

ב י ן - ה ז מ נ י ם

און אַזוי האָבן מיר, ברוך־השם, דערלעבט דעם בין־הזמנים. דער בין־הזמנים האָט אין אַמאָליקן חדר פאַרנומען דעם אָרט פון וואַקאַציעס. זומער — פון חצי־אלול ביז נאָך סוכות און ווינטער — פון פורים ביז נאָך פסח. מ׳איז, חלילה, ניט אין גאַנצן פריי געווען פון חדר. מ׳האָט געלערנט האַלבע טעג. נאָר אַ וואָך פאַר די יום־טובים איז מען פריי געווען פון חדר.

און דאָך האָבן מיר, חדר־יינגלעך, אַנגעפילט די עטלעכע פרייע וואָכן מיט לויטערער קינדערשער פרייד.

אַרום און אַרום איז געווען אַ פרייע, אָפענע וועלט, די ברייטע שליאַכן באַזוימט מיט די ריזיק צעוואַקסענע בעריאָזעס, פעלדער און וועלדער. און אַפילו די אומעטיקע אלול־טעג, ווען דאָס שופר־בלאָזן האָט זיך געלאָזט הערן פון די שולן און קלויזן, האָט ניט פאַרמינערט אונדזער פרייד. מיר האָבן אַפילו געפונען צייט פאַר דעם סאָד הינטער דעם פּוילישן קלויסטער.

דער סאָד איז אַרומגעצאַמט געווען מיט אַ הויכן הילצערנעם פּאַרקאַן און פון דער צווייטער זייט האָט זיך געצויגן אַן אָפּגעשניטן קאָרן־פעלד. הויך־הויך איבערן פּאַרקאַן האָבן דערהויבן זייערע קרוינען די סאָפּעזשאַנקע־ביימער. די סאָפּעזשאַנקע איז אַ באַר, וואָס זיין גלייכן איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. חצי־אלול ווערט עס רייף, אָנגעשפּאָלטן און פאַרברוינט פון דער זון. און אַז איר לאָזט אַריין די יונגע ציינדלעך אין דער זיסער זאַפטיקייט, איז עס ממש חיות, גן־עדן. די סאָפּעזשאַנקעס וואַקסן בינטלווייז, צו פיר־פינף צוזאַמען. און אַז איר צילט זיך גוט צו מיט אַ שטיין — פאַלט אַ גאַנץ בינטל אויף דער ערד.

אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט די מאכלדיקע באָרן, לאָזן מיר זיך קיין סעלצאַ, אָן אָזיערע מיט קלאָר־לויטערע וואַסערן. דער טאָג איז פרײ־האַרבסטיק און זוניק. פון צווישן די ביימער האָבן מיר פון דער וויטנס דערזען אונדזערע פאַרביסענע שונאים: דעם איס־פּראַווניקס זינדלעך, די וואלאדזשקאס און נאָך אַנדערע. זיי פלעגן אונדז דערגיין די יאָרן. איך בין אייך שוין מוחל די זידלערייען, דעם „זשיד־כאַלאַמיד". ווען זיי פלעגן אונדז דערטאַפּן אין וואַסער, איז רעכט געווען שטונדן לאַנג ניט לאָזן אונדז אָנטאָן זיך און פאַרוואַרפן מיט בלאָטע.

דאָס מאָל האָבן מיר באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּצו־רעכענען זיך מיט אונדזערע פאַרפאָלגער. מיר האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די קוסטעס, אָנגעשניטן פרישע, פייכטע ריטער און מיט אומ־געדולד געוואַרט, ביז זיי וועלן אַרויס פון וואַסער. און ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן, האָבן מיר זיי גוט מכבד געווען מיט די ריטער. אברהם־בער, אַריה דעם טויבנס, האָט אָנגעפירט מיט דער עקזעקוציע· „נאָך אַ פּאָר גוטע שמיצלעך פּעדקען, דעם רעדל־פירער זייערן".

צוריקוועגס האָבן מיר מיט ישוב־הדעת באַטראַכט דעם ענין. דער הונט איז טאַקע ווערט דעם שטעקן. אָבער וואָס וועט זיין, ווען זיי וועלן פאַרמסרן אונדז פאַר זייערע עלטערן? מיר האָבן דאָך זיי צעפּאַטשט, מיר האָבן זיך דאָך אָנגעהויבן מיטן „איספּראַווניק". אַ קלייניקייט דעם איספּראַווניקס זינדלעך.

וויזט אויס, אַז חברה האָט זיך געשעמט דערציילן פון דער געשעעניש. און פון דעמאָלט אָן האָבן זיי אונדז אויפגעהערט צו פאַר־פאָלגן און אַפילו אָפּגעטראָטן דעם וועג, וואו נאָר זיי האָבן אונדז באַ־געגנט.

ימים-נוראים

מיר האָבן זיך ניט אַרומגעזען, ווי די ימים־נוראים זיינען אָנגעקומען. יידן האָבן דעמאָלט גאַנץ ערנסט גענומען די צוויי ראש־השנה־טעג, ווי אַ פאַרשפּיל צום גרויסן יום־הדין. פרומע יידן האָבן גענומען מהרהר־בתשובה זיין, אָפּגעבן זיך אַ דין־וחשבון פאַר אַלע מעשים און אַפילו פאַר זינדיקע מחשבות. דער בעל־תפילה האָט געוואוסט, אַז ער האָט אויפגענומען אַ וויכטיקע שליחות פון דער עדה, אַז ער איז דער שליח־צבור. און ווען נחום דער שוחט האָט אין דער מוספדיקער שמונה־עשרה אויסגעזונגען: „ומפני חטאינו גלינו מארצנו ונתרחקנו מעל אדמתנו“, האָט אַ ציטער דורכגענומען די גאַנצע עדה. קוקט אַריין אונטער די טליתים — וועט איר זען פייכטע, פאַרטרערטע אויגן. הערט זיך צו צו די געבראָכענע שטימען און באַנעמט, אַז יידן האָבן באמת חרטה ניט נאָר אויף זייערע אומווירדיקע מעשים, נאָר זיינען גרייט צו צאָלן אַ שווערן פּרייז פאַר זייערע אומריינע מחשבות. דעריבער איז דער תהילימל, דאָס ספרל פון השתפכות־הנפש, הכנעה און גאָט־זוכעניש, שטאַרק אָנגעזען אין די דאָזיקע טעג. ווי נאָר מ׳האָט פאַרענדיקט מיטן עסן, אַזוי לויפט מען שוין צוריק אין שול. עליע דער דיער שטעלט זיך ביים עמוד: „אשרי האיש“ אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק ביזן לעצטן פּסוק אין לעצטן קאַפּיטל.

עשרת־ימי־תשובה, סליחות. אַ פאַרזיכטיקער קלאַפּ אין די פאַרמאַכטע לאָדנס: „שטייט אויף צו סליחות“. דאָס וועקט תנחום דער שמש יידן צו סליחות. אין דעם גרויען תשרידיקן באַגינען איילן יידן אין שול אַריין. קומסט אַריין אין שול און זעסט, אַז יידן האָבן זיך געפּעדערט, און איידער וואָס־ווען כאַפּט מען אַריין אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים...

ערב־יום־כיפור. די ליבאַוויטשער שול איז אויסגעבעט מיט היי. אויף די טישן זיינען אויסגעשטעלט קערות מיט געכתיבהטע אויפשריפטן: חברה ש״ס, חברה משניות, הכנסת־אורחים, תומכי־עניים, תלמוד־תורה וכדומה. יידן קומען אַריין, נעמען אַרויס פון די טייסטערס קאָ־פּערנע און אַמאָל זילבערנע מטבעות און צעטיילן עס צווישן די קערות.

תנחום דער שמש איז היינט שטאַרק פאַרנומען. מיט לעדערנע רצועות אין האַנט וואַרט ער אויף זיינע קונים אין פּאַליש.

יידן רוקן זיך אַריין אַ ביסל פאַרשעמט, פאַלן כורעים און תנחום ציילט זיי אַריין, אָן שום טענות און מענות, די ל״ט מלקות און זיי, די אָפּגעשמיסענע, הייבן זיך אויף און שטעקן נאָך אים אין יד אַריין אַ מטבע פאַר דער טובה, וואָס ער האָט זיי געטאָן...

האָט איר ווען געהערט, ווי אַ פאַרצייטיקער בעל־תפילה, אַ ייד אַ ירא־שמים, זינגט אַרויס דעם אוראַלטן, אויפטרייסלענדיקן ניגון פון כל־נדרי און די גאַנצע עדה ענטפערט מיט אַ ציטער, מיט קרעכצן און זיפצן, מיט אַ ביטער געוויין... אָט דער ניגון, די טרערן און דאָס געוויין באַגלייטן דאָס פאָלק אויף זיין מיסטעריעזן וועג אין דער אומענדלעכקייט, עד סוף־הדורות...

„פּתח לנו שער״! קוקט זיך צו צו די מתפללים! וויפל טיפער גלויבן, — גלויבן, וואָס דערהייבט און לייטערט!

יידן לויפן ניט אַהיים, איילן זיך ניט צו פאַרלאָזן די אַלטע לי־באַוויטשער שול. נאָך מנחה זעצן זיך אויס די זינגער, בראש מיט ירמיהו דעם מלמד, אויף די מזרח־בענק און ס׳טראָגט זיך אַ דער־מוטיקנדיקער ליבאַוויטשער ניגון, אַן אָנזאָג, אַז די ימים־נוראים האָבן זיך פאַרענדיקט און אַז ס׳קומען אָן פריילעכע יום־טובדיקע טעג.

סוכות

און באַלד טאַקע נאָכן אָפּפאַסטן זיך הייבט זיך אָן די צוגרייטונג צום יום־טוב סוכות. די סוכה אונדזערע איז צוגעבויט צום הויז און איז גאָר פון אַ באַזונדער מין אַרכיטעקטור. אַז איר ווילט, איז דאָס אַ סוכה, און אַז איר ווילט, איז דאָס אַ ווערענדע, וואו איר קענט זיך פאַרבאָרגן פון זייטיקע בליקן און שלינגען מיט גרויס כוונה די „מסתרי־פאַריז". אַ גאַנץ יאָר הענגען דאָ קראַנצן ציבעלעס, קנאָבל און אַנדערע קרייטעכצער. אַמאָל וואַרפט מען אַהער אַריין אַ הון, וואָס האָט אַ טבע צו פאַרבאַהאַלטן אירע אייער אין אַ ווילדער נעסט ערגעץ וואו אין דעם גרויסן שפּייכלער.

איך צינד אָן אַ ליכט און צוזאַמען מיטן פאָטער און די ברידער קומען מיר אַריין אין דער סוכה. מיט דער הילף פון אַן „אייגנאַרטיקן מעכאַניזם" הייבן מיר אויף דעם שינדל־דאַך און ס'בלייבט הענגען אַ קעסטלדיקע נעץ, איבער וועלכער מ'דאַרף אויסשפּרייטן דעם סכך. דער פאָטער גיט אָנווייזונגען, ווי אַזוי דאָס דאַרף געטאָן ווערן, ניט צו געדיכט און ניט צו שיטער, כדי די שטערן זאָלן זיך דורכקוקן.

צומאָרגנס זיינען מיר שטאַרק פאַרנומען מיט העלפן אויפשטעלן סוכות פאַר אונדזערע שכנים אין הויף. מיר האָווען אַרום אַ גאַנצן טאָג, שלעפּן ברעטער פון שפּייכלער, קלאַפּן טשוועקעס, צעשניידן זיך די פינגער, שמירן זיך אויס, און ווען מיר קומען אַריין פאַרנאַכט אין שטוב, דערוואַרט אונדז אַ פריילעכע בשורה: דער אתרוג איז שוין אָנגעקומען! מיר לויפן אַריין אין זאַל. אויפן טיש ליגט דער לולב, לעבן אים שטייט אַ זילבערנע פּושקע. מיר האָבן אָבער מורא צו עפענען די פּושקע, מיר וואָגן ניט אָנצורירן דעם אתרוג. דער פּיטום!

ווען, חלילה, דער פּיטום פאַלט אַראָפּ, בלייבט מען דאָך אָן אַן אתרוג. וואָרעם אויף אַן אתרוג אָן אַ פּיטום טאָר מען דאָך קיין ברכה ניט מאַכן. ערשט ווען דער טאַטע קומט פון מעריב אַהיים, באַפאַלן מיר אים מיט געבעט, ער זאָל אונדז ווייזן דעם אתרוג.

דער אתרוג איז קליין, בלאַס־געלבלעך, דורכזיכטיק, און דער פּיטום... דער פּיטום איז מלא חן... אַזוינס איז גאָר נאָך ניט געזען געוואָרן...

און ס׳ציען זיך אַוועק ניין יום־טובדיקע טעג. וואָרעם די פיר חול־המועד־טעג ווערן בטל־בששים אין דעם יום־טובדיקן אימפּעט, וואָס דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט אין די לעצטע דריי טעג: הושענה־רבא, שמיני־עצרת און שמחת־תורה.

חסידים גייען הקפות ניט נאָר שמחת־תורה, נאָר אויך שמיני־עצרת. דעריבער איז די שמחה אין דער ליבאַוויטשער שול זייער גרויס. מ׳האָט דאָך פאַרענדיקט מיט אַלע אַלטע חשבונות און מ׳האָפט, און מ׳גלויבט, אַז דער דערבאַרעמדיקער, דער אל מלא־רחמים, האָט אין דעם גמר־הדין, חלילה, קיינעם ניט פאַרזען.

יאָ, די שמחה אין דער אַלטער ליבאַוויטשער שול איז גרויס. וואָרעם פון אַלע מתנגדישע שולן און מנינים, פון גרויסן בית־המדרש, פון דער קאַלטער שול איז מען געקומען. מ׳האָט אָפּגעדאַוונט פריער, כדי ניט צו פאַרשפּעטיקן. און ניט נאָר עלטערע יידן זיינען געקומען, נאָר אויך דאָס יונגוואַרג, יינגלעך און מיידלעך. זיי האָבן זיך אויס־געשטעלט אויף די בענק אַרום דער בימה. זיי וואַרטן מיט אומגע־דולד אויף דער ערשטער הקפה.

און תנחום דער שמש, אין דער אויסגעריבענער אַטלעסענער קאַפּאָטע, איז היינט דער פעלדמאַרשאַל, וואָס פירט אָן מיטן גאַנצן פאַראַד. נאָר פון צייט צו צייט סודעט ער זיך מיט אברהם־עליען.

— הרבני... איז מען מכבד מיט הקפה א.

— הרבני... איז מען מכבד מיט הקפה ב, ג, ד, און אַזוי ווייטער.

— עוזר דלים הושיעה נא, — זינגט דער חזן און גייט פאָרויס, ס׳פאַלגן אים נאָך יידן מיט די ספר־תורהס אין די הענט, אַרומ־קרייזנדיק די בימה.

קינדערשע הענטלעך ציען זיך צו די ספר־תורהס, רירן זיי אָן און קושן די שפּיץ פינגער, און ווען די אַרומקרייזנדיקע האָבן דער־גרייכט דעם אָרון־קודש און באַפרייט זיך פון די ספר־תורהס, — פאַר־לייגן זיך הענט אויף אַקסלען און ס׳גייט אַוועק אַ חסידיש דריידל פריער איינגעהאַלטן, בנעימותדיק, און וואָס ווייטער, אַלץ מיט מער ברען און פייער. ס׳בילדעט זיך אַ קרייז, וואָס פּאַטשט מיט די הענט, זינגט חסידישע ניגונים און דערמוטיקט דעם עולם מיט אויסרופן: לע־בעדיקער, פרייליכער.

ווען די זיבן הקפות האָבן זיך פאַרענדיקט, טיילט מען אויס די עטלעכע קלענערע ספר־תורהס צו די בר־מצווה־בחורימלעך. זיי קרייזן אַרום די בימה און ווערן אַריינגעצויגן אין די ריקודים, וואָס האַלטן נאָך אָן אַ לאַנגע צייט.

אין דעם לעצטן טאָג פון יום־טוב, שמחת־תורה, דערגרייכט די פרייד דעם העכסטן פּונקט.

פון שול גייט מען אַרויס שפּעט, און ווען מ׳קומט אַהיים, הייבט זיך ערשט אָן די שמחה פון דאָס ניי. דער זאַל איז פול מיט חסידים, וואָס זיינען געקומען אויף ברכה. מ׳נעמט צו ביסעלעך משקה און מ׳דערוואַרעמט זיך. ס׳פאַרלייגן זיך הענט אויף אַקסלען און ס׳גייט אַוועק אַ פייערדיק חסידיש דריידל.

איך דערקען גאָרניט דעם פאָטער מיינעם. ער זיצט אויבנאָן אין דעם באַקוועמען פאָטעל, שמייכלט אַזוי האַרציק. און מיט אַ מאָל גיט ער זיך אַ בייג, קוליעט זיך אַרויס פון פאָטעל איין מאָל און דעם צווייטן מאָל. חסידים קומען אַריין אין גרויס התפעלות. אברהם־עליע ברענגט אַריין צוויי עמער וואַסער, גיסט עס אויס אויף דער פּאָד־לאָגע און דער עולם הייבט זיך אָן גליטשן. ענדלעך וואַרפט מען אַריין די שיריים פון דער רייכער סעודה אין לייוונטענע טאָרבעס, מ׳פאַר־וואַרפט זיי אויף די אַקסלען און מ׳לאָזט זיך אַרויס אין מאַרק. פאַר־בייגייענדיק פאַרהאַקט מען די לאָדנס אין די הייזער, און ווען מ׳באַ־געגנט אָרע דעם רופא, וואָס איילט מיט זיינע מכשירים צו אַ קראַנקן,

נעמט מען אים אויך אַריין אין קאָן. עס העלפֿן ניט זיינע טענות און מענות.

— אברהם אָבינו, באַטקאָ נאַש, — הייבט אָן ירמיהו דער מלמד. דער עולם כאַפּט אונטער און מאַרשירט אַוועק איבער דער ברייטער גאַס . . .

ביי וועלוול דעם געלן אין חדר

די שווערסטע צייט אין יאָר איז די נאָך סוכותדיקע, ווען דער קאַלטער האַרבסטיקער ווינט און די אָפּטע רעגנס זייבען די אָנזאָגערס פֿונעם בייזן ווינטער, וואָס וועט באַלד איינשמידן דאָס שטעטל אין אייז און שניי.

ס׳ציען זיך אַוועק אומעטיקע חשוונדיקע טעג, ווען ס׳דוכט זיך, אַז קיין מאָל, קיין מאָל וועט שוין די זון ניט שיינען און אַז די שטי־פּערישע בעריאָזקעלעך הינטערן פֿענצטער וועלן אייביק שוין שטיין נאַקעטע און דער בייזער ווינט און רעגן וועלן וואָרפֿן און טרייסלען די צווייגן.

און פֿון פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט — כסדר איבער דער גמרא ביי וועלוול דעם געלן אין חדר. רב וועלוול, אַ קליין יידל מיט אַ קליין גרוי־געלבלעך בערדל און אַרומגעצופּטע, פֿון שמעק־טאַבאַק, פֿאַרגעלטע וואָנצעס, איז געווען אַ ייד אַ חלוש. די פּלוניתטע זיינע פֿלעגט אים צוזען מיט ציגענע מילך פֿון די צוויי ציגן, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אין שטעלכל ביים הייזל מיט די אויסגעקרימטע ווענטלעך.

אַ ווינקל אין שטוב, וואו מיר האָבן געלערנט, איז פֿאַרנומען געווען מיט אַ גרויסן אויוון. די רביצן פֿלעגט אַרויסהעלפֿן אין דער פּרנסה, באַקן בייגל און פֿאַרקויפֿן אויפֿן אַלטן מאַרק. און אַז מיר פֿלעגן קומען אין דער פֿרי אין חדר, האָבן מיר צוגעזען דעם גאַנצן אַרבעט־פּראָצעס. די רביצן פֿלעגט אַריינרוקן די בייגל אין פֿלאַמענדיקן

אויוון און די צוויי מיידלעך אירע פלעגן מיט שטעקלעך אַרויסנעמען די בייגל פונעם קאַכיקן וואַסער. איבערן שטוב האָט זיך געטראָגן דער ריח פון פרישע ווייצענע געבעקס.

דער רבי פלעגט זיצן ביים טיש און טונקען פרישע בייגל אין ציגענע מילך.

אין דעם אויסגעצאַמטן אַלקערל איז געשלאָפן דעם רבינס בן־יחיד און בן־זקונים, אַ יינגל מיט לאַנגע פיאות און גרוילעך־בלויע שטיפע־רישע אייגעלעך. און אַז ער פלעגט אַרויסקומען אַ פאַרשלאָפענער און איינגעטונקטער אין פעדערן, פלעגט די מוטער זיינע אים מקבל־פנים זיין מיט ליבע און צערטלעכקייט. דער צעקנייטשטער פנים פון דער פאַרהאָרעוועטער יידענע פלעגט אויפלייכטן מיט אַזוי פיל פרייד און גליק . . .

ביסלעכווייז האָבן זיך גענומען צונויפזאַמלען די חדר־יינגלעך, און ווען אבא דעם וויינערס, אַ יינגל מיט אַ מגושמדיק פנים און שטענ־דיק פייכטע, פאַרנעפּלטע אויגן, איז ענדלעך געקומען, האָט דער רבי אַ קלאַפּ געטאָן איבערן טיש, — אַ סיגנאַל, אַז מ׳הייבט אָן לערנען, און מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש.

דער רבי האָט פאַרשפּרייט איבער דער גמרא אַ פאַרגעלט נאָז־טיכל, האָט אָוועקגעשטעלט לעבן זיך די טאַבאַק־פּושקע און האָט, שאָקלענדיק זיך, אָנגעהויבן: המקבל שדה מחברו, ווען איינער נעמט אַ פעלד אין אַרענדע, פריער די משנה, נאָך דעם די גמרא מיט רש״י, און ווען יעדערער פון די תלמידים האָט עס הויך אויפן קול איבער־געחזרט, איז מען אַריבער צום תוספות.

רב וועלוול איז געווען אַ בקי, ניט קיין חריף. דעם זיכרון זיי־נעם איז ממש געווען צו באַוואונדערן. ער פלעגט זעלטן־ווען אַריינ־קוקן אין דער גמרא און פלעגט פון אויסווייניק נאָכפאָלגן דעם גאַנצן שיעור פיר־פינף שעה כסדר אָן אַן איבעררייס. און איך פלעג זיך וואונדערן — פון וואַנען נעמען זיך כוחות אין דעם דאַרן איינגע־שרומפּטן גוף ?

ווען די רביצן פלעגט זיך שוין ניט קענען איינהאַלטן און

פלעגט פאַרזיכטיק צורוקן זיך צום טיש מיט אַ באַמערקונג, אַז ס'איז שוין שפּעט, אַז מ'דאַרף שוין פריי לאָזן די קינדער, פלעגט דער רבי גלייך אַרויס פון די כלים.

— יידענע, דו ביסט דאָך אונדז מבטל פון דער תורה!

בטבע איז דער רבי אונדזערער געווען אַ גוטער, אַ האַרציקער מענטש. איר האָט אים באַדאַרפט זען דאַנערשטיק נאָך די וואָך־שיעורים, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס, וואָס מ'האָט געלערנט אין פאַרלויף פון דער וואָך, איז ניט אַוועק לאיבוד און אַז אַפילו אבא דעם וויינערס איז ווי עס איז דורכגעקראָכן דורך די אַלע שטרויכלונגען, — דעמאָלט איז קיין גליקלעכערער מענטש אויף דער וועלט ניט געווען. די גרויע קינדישע אויגן האָבן געשיינט פון גליק און דער רבי פלעגט אַפילו אַ קניפּ טאָן אין בעקל.

נאָר איין מאָל, געדענק איך, האָט פּאַסירט אַזאַ מעשה. ס'איז געווען אַ קאַלטער פראָסטיקער טאָג, און צום אָוונט האָט זיך דער פראָסט נאָך מער געשטאַרקט. מיר האָבן דעמאָלט שוין געלערנט בבא בתרא. דער פרק — איינער פון די שווערסטע אין דער מסכתא, און מיר האָבן די גאַנצע וואָך געשוויצט איבער אים. אַפילו די בעסטע תלמידים זיינען געשטרויכלט געוואָרן ביי די וואָך־שיעורים און מיט גרויס מאַטערניש ווי עס איז דורכגעקראָכן. אָבער ווען ס'איז געקומען צו אבא דעם וויינערס, — דער בחור רירט זיך ניט פון אָרט. און דער ווייזער אויפן וואַנט־זייגער מיט די אָנגעהאָנגענע וואָג און שטיינער קריכט זיך פּאַמעלעך, דערנענטערט זיך צו צען... דער רבי האָט זיך צעשאָקלט:

— נו, תכשיט מיינער, וועסט אפשר אַמאָל עפענען דאָס מויל? אבא שווייגט.

— אין עצה, ואין חכמה, ואין תבונה נגד הגוי והפויער, — האָט דער רבי אויסגערופן מיט כעס און האָט מיט דער שווערער, אין לע־דער געבונדענער, גמרא אַ קלאַפּ געטאָן אבאן איבערן קאָפּ.

אבא האָט זיך צעוויינט אויפן קול און דער רבי אונדזערער, רב

װעלװל, איז אַליין אויך געפֿאַלן אין חלשות, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפֿן בענקל, פֿאַרװאָרפֿן דעם קאָפּ — און פֿאַרטיק.

די רביצן איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון אַלקיר, האָט גענומען מינטערן דעם מאַן אירן, און ערשט װען די עלטערע טאָכטער, ציפּע, האָט פֿון ערגעץ װאו געבראַכט אַ פֿלעשעלע מיט שלאָג־װאַסער, װאָס איז פֿאַר־בליבן פֿון יום־כּיפּור, און האָט עס צוגעטראָגן צום רבינס נאָזלעכער, האָט דער רבי אונדזערער, רב װעלװל, דערװאַכט, האָט ברייט צעעפֿנט די אויגן.

װי פֿאַרשעמטע האָבן מיר זיך אַרויסגערוקט פֿון חדר אין דער פּראָסטיקער לופֿט. אַ װײַסע װעלט. דער שניי סקריפּעט אונטער די פֿיס. מיר לויפֿן שנעל אַהיים, און װען מיר האָבן דערגרייכט די קאַלטע שול, האָבן מיר זיך גענומען טוליען איינער צום צװייטן. הײַנט איז דאָך דאָנערשטיק און כּידוע קומען זיך צונויף יעדן מאָנטיק און דאָנער־שטיק די מתים פֿון בית־הקבֿרות צו קריאת התורה. און װען זיי רופֿן אַרויס עמעצן צו דער תורה — גייט מען. אָט האָט דאָך עליע דער שמש באַגינען געפֿונען אַ פֿאַרחלשטן יידן אויף די טרעפּ פֿון דער קאַלטער שול, האָט אים װי עס איז דערמינטערט, און װען ער האָט אים צוגעפֿירט צום הקדש־שטיבל — איז יצאה נשמתו. אַ ייד אַן אורח פֿון סלוצקער געגנט.

און װען מיר זײַנען פֿון שולגאַס אַרויס אויפֿן אַלטן מאַרק, האָבן מיר זיך באַרואיקט. די פֿולע לבֿנה האָט זיך בנעימותדיק געשפּאַ־צירט איבערן הימל און האָט צו אונדז געװאונקען, װי צו אַלטע, גוטע באַקאַנטע. מיר האָבן זיך אַפֿילו פֿאַרן װאָיען פֿון די װעלף, װאָס האָט זיך דערטראָגן פֿון די זומפּן, ניט געשראָקן. מיר פֿלעגן זיי הערן כּמעט יעדע נאַכט אין פֿאַרלויף פֿון לאַנגן װינטער.

דער זיידע שלמה-נחום

ווען איך בין אַרויף אויפֿן הויף, האָב איך פֿון דער ווייטנס באַ־מערקט לעבן די שפּייכלערס צוויי גרויסע, ברייטע שליטנס. דער זיידע איז געקומען! כמעט אויף יעדער חנוכּה פֿלעגט דער זיידע קומען געוואָר ווערן דעם אײדעמס זײנעם, די טאָכטער און די אייניקלעך. די שליטנס פֿלעגן זיין אָנגעלאָדן מיט זעקלעך מעל, כּלים מיט האָניק און שמאַלץ און אַ דרייסיק־פֿערציק גענדז. די גענדז פֿלעגט מען אויף עטלעכע וואָכן פֿאַרזעצן אין דעם ליידיקן אייז־הויז, האָדעווען זיי מיט האָבער.

דעם ווינטער האָט זיך אַ שליטוועג איינגעשטעלט ערשט נאָך חנוכּה. און דער וועג, דאַרפֿט איר וויסן, איז געווען אַ לאַנגער. אַכציק מייל מיטן שליאַך דורך דער באַרימטער לובאשינער „פּושטשע". פֿון ביידע זייטן ציט זיך אַ שוואַרצע פֿינצטערע וואַנט, וואַלד־געדיכטעניש, נישט געריכטע און נישט באַטראָטענע, אָן קיין שום סימן פֿון מענטש־לעכן ישוב, מיט איר סודותפֿולן לעבן. און נאָר ערטערווייז טרעפֿט איר אַ גרויסן שטח אויסגעהאַקטן וואַלד, ס'שטאַרצן אַרויס שוואַרצע, אויסגעגראָבענע „קאָרטשעס", ס'ציט זיך אַ רויך פֿון אַ פּרימיטיוו איינגעאָרדנטער סמאָלע־פֿאַבריק.

אַמאָל שניידט דורך דעם וועג אַ פֿוקס, אויסגעפּוצט אין זיין רייכן ווינטערדיקן פֿעלץ. ער איילט זיך ניט, פּיקסל־גנבֿ. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז קיין סכּנה דראָט אים ניט פֿון די פֿרידלעכע דורכפֿאָרער. אַמאָל שיינען אַרויס פֿון צווישן די פֿאַרשנייטע צווייגן פֿון אַ ריזיקער יאָדלע ביים וועג די פֿייערדיקע קעצישע אויגן פֿון אַ לוקס, וואָס לויערט אויף זיין קרבן. אַ שפּרונג — און ווי אַ געשפּענסט פֿאַרשווינדט די גרוילעכע

חיה אין דער געדיכטעניש, נאָר דער צעשטויבטער שניי צייכנט דעם וועג פון דעם אַנטרונענעם מערדער.

דעם ווייטן וועג אין דער פּאָליעסער ווילדערניש האָט דורכגעמאַכט דער זיידע, שלמה־נחום, כדי צו זען זיך מיט זיין טאָכטער, איידעם און אייניקלעך.

רב שלמה־נחום! איינע פון די אומצאָליקע ליכטיקע געשטאַלטן פון דעם נעכטיקן עבר. ווי ליכט־שטראַלן שיינען זיי אַרויס און באַ־לייכטן דעם וואָכעדיקן און גרויען יידישן היינט.

איך האָב שטיל געעפנט די טיר פון פירהויז אין זאַל. אַרום דעם לאַנגן טיש האָט זיך אויסגעזעצט די גאַנצע משפחה. דער סאַמאָוואַר האָט שוין געהאַלטן ביים אויסלעשן זיך, פאַרענדיקט זיין ניגונדל.

דער זיידע האָט דערציילט, ווי אַזוי ער, אַ בר־מצווה־בחורל, איז מיט זיין פאָטער געפאָרן צום סטאַראָסעלער רבין, דעם סטאַראָסעלער צדיק. אין דעם קליינעם, אָרעמען שטעטל פון עטלעכע צענדליק היי־זער פלעגן זיך צונויפפאָרן פון מאָהילעווער, וויטעבסקער און מינסקער געגנטן הונדערטער חסידים. געקומען איז מען הערן ר׳ אהרונס תורה. מ׳פלעגט אָפּזיצן ביים רבין אַ גאַנצן חודש און אַמאָל לענגער: פון חצי־אלול ביז נאָך יום־כיפור און אַמאָל איבער סוכות. מ׳פלעגט זיך וואַלגערן אין די עטלעכע יידישע הייזער. צום גליק האָט דער באַרקער, אַ רייכער ישובניק ניט ווייט פון שטעטל, אַליין אַ פייערדיקער חסיד, גענומען צו זיך די מער חשובע חסידים און אויסגעהאַלטן זיי בכבוד גדול.

די הונדערטער חסידים, וואָס זיינען זיך צונויפגעפאָרן אויף ימים־נוראים, האָבן זיך געפילט, ווי אין משפחה, וואָס איז געקניפּט און געבונדן צווישן זיך. מ׳האָט זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן און אויסגעהאַלטן איינער דעם צווייטן, מיט וואָס מ׳האָט נאָר געקענט.

צווישן די פאַרזאַמלטע זיינען געווען זקנים, וואָס פלעגן פאָרן נאָך צום אַלטן רב, צו דעם בעל־התניא, דעם באַגרינדער פון חב״ד (חכמה, בינה, דעת). און נאָך דעם ווי רב אהרון, איינער פון דעם בעל־תניאס בעסטע תלמידים, איז אַוועק פון ליאַדי און האָט זיך באַ־

זעצט אין סטאַראָסעליע, האָבן זיי געגומען קומען צו רב אהרונען — הערן תורה פון זיין מויל.

ס'זיינען אויך געווען אַ סך יונגע לייט, וואָס האָבן פאַרלאָזן זייערע יונגע ווייבלעך און מיט שטעקנס אין די הענט און פעקלעך אויף די פלייצעס געוואַנדערט איבער די וועגן. מיטליאָריקע יידן האָבן גע־בראַכט זייערע זין, וואָס זיינען אויף די בין־הזמנים געקומען פון די ישיבות אַהיים.

איך געדענק, האָט דער זיידע פאַרגעזעצט, ווי דאָס וואָלט געווען ערשט נעכטן. רב אַהרון איז פון זיין אַלקער אַריין אין דער גרויסער שטוב, וואו עס איז געהאַנגען דער אָרון־קודש און עס זיינען געשטאַנען שטענדערס. ער איז מיט האַסטיקע טריט צוגעקומען צו זיין אָרט לעבן עמוד, האָט מיט זיינע אומעטיקע, שוואַרצע אויגן באַטראַכט דעם חסידישן עולם, וואָס האָט אָנגעפּאַקט די שטוב, אַרויפגעלייגט די לינקע האַנט אויפן שטערן, פאַרמאַכט די אויגן און האָט געגומען זאָגן. דער עולם איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. און נאָר שמואל דער „חוזר" האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און האָט זיך מיט אימפעט גענומען שאָקלען.

אין „שערי־העבודה" — האָט רב אהרון שטיל אַרויסגערעדט — האָב איך זיך באַמיט קלאָר צו מאַכן דעם ענין פון אחדות־הבורא, דעם יסוד פון יהדות.

אַזוי ווי אין תורת הספירות האָב איך כסדר געטענהט, אַז מ'קען דאָס ניט איינטיילן אויף „אורות" און „כלים", זה לחוד וזה לחוד, אַזוי אויך איז אין דער השגה פון אַחדות־הבורא נייטיק צו באַנעמען די וויכטיקייט פון יחוד און אחדות, פון פולקאָמענער איינהייט.

די העכסטע מדרגה אין עבודת־הבורא איז אמת און תמימות, יראת הרוממות, התלהבות פון דער גוואַלדיקער דערהויבנקייט פון השם־יתברך.

די דאָזיקע העכסטע מדרגה קען מען ניט דערגרייכן נאָר מיט חריפות־המוח, מיטן שכל, מיטן אַריינדרינגען און פאַרטיפן זיך אין עיקר פון ענינים.

רחמנא לבא באי. דער דערבארעמדיקער קוקט אַריין אין די טיפענישן פון האַרצן. אייער תמימות, אייער גלויבן וועט אייך באַ־העפטן בקדושה ובטהרה מיטן הקב״ה, וועט אָנצינדן דעם נצוץ אלקים, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דער נשמה פון מי שיהיה מישראל.״

דערווייל האָבן זיך אַלע אַרויסגערוקט איינציקווייז פון טיש און נאָר דער פּאָטער מיינער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט איבער דער צעעפנטער גמרא און האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון זיידן.

ערשט אין דער רגע האָט דער זיידע מיך באַמערקט זיצנדיק אין אַ ווינקל ביים פענצטער.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, הויך און שלאַנק, מיט אַ לאַנגער שניי־ווייסער באָרד און שוואַרצע יונגע אויגן, און נאָר דער קאָפּ זיינער האָט זיך כסדר געוואָרפן, באַוועגט זיך פון לינקס אויף רעכטס. צוגעפירט מיך צום ווייך אויסגעבעטן פּאָטעל, האָט דער זיידע זיך אַריינגעזעצט, אַרויפגענומען מיך אויף די קני און גענומען אויספרעגן, וואָס פאַר אַ מסכתא איך לערן, ווער דער רבי מיינער איז. און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך לערן בבא־בתרא, האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— אַזוי גאָר, בבא־בתרא!

איך האָב זיך די נאַכט לאַנג געוואָרפן אויף מיין געלעגער, בשום אופן ניט געקענט איינשלאָפן. עס האָבן זיך געפּלאָנטערט אין מיין מוח אויסטערלישע בילדער: עליע דער שמש מיטן גראָבן שטעקן און דעם לאַמטערן אין האַנט, מתים איינגעוויקלט אין טליתים שפּרינ־גען פון די דעכער, רב וועלוול רייט אויף דעם קהלשן באָק... און ווען איך האָב דערוואַכט, האָט זיך פון אונטן, פונעם באַלויכטענעם זאַל, דערטראָגן דער האַרציקער גמרא־ניגון. דאָס מאָל איז מיין פּאָ־טערס אומעטיק־אויסגעצויגענער ניגון באַגלייט געוואָרן פון דעם זיידנס אַלטער שטים.

לכבוד דעם געהויבענעם גאַסט בין איך דעם פרייטיק אין חדר ניט געגאַנגען. און פון קבלת־שבת ביז נאָך הבדלה איז דאָס הויז פול

געווען מיטן זיידן: דער זיידע מאַכט דער ערשטער קידוש, דער זיידע זינגט זמירות, דער זיידע פאַרהערט אונדז אין לערנען, דער זיידע מאַכט הבדלה...

דעם שבת האָבן מיר זיך דערוואוסט דעם סוד, פאַרוואָס דער זיידע שאָקלט מיטן קאָפּ. ער אַליין האָט קיין מאָל פון דעם ניט גערעדט.

ווען שטערן האָבן זיך באַוויזן אין הימל, די אַלטע מאַריאַנע האָט אָנגעצונדן די לאָמפּן און די מאַמע האָט פאַרענדיקט דעם האַרציקן „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב", האָבן מיר מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויסגעהערט, וואָס די מאַמע האָט אונדז דערציילט:

— דער זיידע אייערער האָט, ווען ער האָט חתונה געהאַט, אײַנגערגענומען די אַרענדע פון דעם גענעראַל סאַכאַראָוו מאַיאָנטעק, די מילן און דעם ברויז. דער אַלטער גענעראַל, אַ געוועזענער קאַנטאָניסט, האָט געלעבט אָפּגעזונדערט אין דעם „שלאָס", מײַלן ווײַט פון מאַיאָנטעק. דער זיידע אייערער האָט שטאַרק מצליח געווען. די מילן האָבן ניט אויפגעהערט אַרבעטן בײַטאָג און בײַנאַכט. פון אומעטום האָבן זיך געצויגן פויערים מיט זייער תבואה צו די מילן. די שטאַלן זײַנען פול געווען מיט אָקסן, וואָס סוחרים האָבן געשטעלט אויף ברייע, און פון ברויז האָט מען כסדר געפירט גרויסע פעסער מיט ספירט.

און וואָס מער שפע, וואָס רײַכער ער איז געוואָרן, אַלץ מיט אַ ברייטערער האַנט האָט ער אויסגעטיילט צדקה. אַן אַלייע, באַזעצט מיט שלאַנקע טאָפּאָלן, האָט געפירט צום גרויסן הויז מיט דער באַגלעזטער ווערענדע. דער אַלטער יוסף האָט שוין דאַנערשטיק געגרייט די טישן אין דעם פירהויז, וואו ס'איז געהאַנגען דער אָרון־קודש, געשטאַנען דער גרויסער אַלמער מיט ספרים, און ווען נאָר מיר פלעגן דורכגיין דעם פירהויז, פלעגן מיר דאָרטן טרעפן אַן אורח איבער אַ ספר, אַ פּאַקנטרעגער מיט ספרים, תחינות, סידורים, ציצית, אַרבע־כנפות.

אויף אַלע שבתים און יום־טובים פלעגן זיך צונויפקומען ישובניקעס פון די אַרומיקע מקומות. די ווערענדע און דעם פירהויז פלעגן אָנפּאַקן עטלעכע מנינים יידן, אַ געציקלטער „לכו־נרננה" פלעגט זיך

דורך די צעעפנטע פענצטער דערטראָגן אַזש ביז דעם וואַלד, דער געדיכטעניש פון דער לובאשינער „פושטשע״, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם מאַיאָנטעק.

און יאָרן זיינען געגאַנגען, די זין זיינען אונטערגעוואַקסן און דער בכור אפרים האָט גענומען אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט אַרום די מילן און דעם ברויז. מיט די יינגערע יינגלעך האָט געלערנט דער „עלוי״, אַ בחור מיט פייערדיקע אויגן, וואָס פלעגט פאַסטן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק און פלעגט אַפילו אין די קאַלטע, פראָסטיקע טעג לויפן טובל זיין זיך צום אַזיערע־ברעג, וואו דער אייז איז אויסגעהאַקט געוואָרן.

איך געדענק נאָך, ווען איך בין געווען אַ קליין מיידל, אַ קינד, און פלעג מיט מיינע עלטערע שוועסטער אַרויסלויפן צום שליאַך זען, ווי מ׳פירט געשמידטע אין קייטן די „מיאַטעזשניקעס״, די פוילישע אויפשטאַנדלער. אין אונדזערע מקומות האָט דער פוילישער אויפשטאַנד פון יאָר 1863 געהאַלטן זיך לענגער, ווי אין קרוין־פוילן, וואָרעם אין דעם אויפשטאַנד האָבן אָנטייל גענומען ניט נאָר די רייכע פוילישע פריצים, נאָר אויך די אַרומיקע פוילישע „שליאַכטע״, וואָס האָט געלעבט אויף די פאָלוואַרקעס. די דערוואַקסענע מענער און זייערע זין פלעגן איבערלאָזן אין די פאָלוואַרקעס זייערע פרויען און קינדער און פלעגן צושטיין צו די אויפשטאַנד־באַנדעס, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די ווילדערנישן פון פאָלעסיע.

אין די אַרומיקע דערפער און אין דעם נאָענטן שטעטל האָט מען איינגעקוואַרטירט אַ פּאָלק סאָלדאַטן און אַ הונדערט קאָזאַקן. זיי פלעגן כסדר מאַכן רעוויזיעס אין די פאָלוואַרקעס און די פריצישע הויפן, און גאַנץ אָפט פלעגט זיך פון דער „פושטשע״ דערטראָגן אַ שיסעריי, — אַ סימן, אַז די סאָלדאַטן האָבן ערגעץ וואו אין וואַלד דערטאַפּט אַן אויפשטאַנד־באַנדע.

און איין מאָל באַגינען, ווען דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט און מיט רוגזה געקלאַפּט אין די הילצערנע ווענט, איז אַ ראָטע סאָל־

דאַטן פֿאַרבייגעגאַנגען דעם ברויז, וואו ביים אַריינגאַנג זיינען אויף שליטנס געשטאַנען עטלעכע פעסער מיט ספּירט.

לאַנג ניט געטראַכט, האָבן די סאָלדאַטן אויפגעהאַקט אַ פאַס און מיט זייערע מעשענע שיסעלעך געגומען אָנשעפּן די פייערדיקע משקה און געלאָזט זיך וואוילגיין. אַפילו דער פעלדפעבעל האָט ניט געקענטביישטיין דעם נסיון און האָט אויך געמאַכט לחיים.

צומאָרגנס האָבן פויערים פון די אַרומיקע דערפער געפונען ביים ראַנד פון וואַלד די קרבנות פון דער שמחה. גרופּעסווייז און איינציקווייז זיינען זיי געלעגן אויפן הארטן שניי פאַרגליווערטע, אויף טויט פאַרפרוירענע, און נאָר געציילטע איז געלונגען צו ראַטעווען, אָפּרייבנדיק זיי מיט שניי.

דער קאַפּיטאַן, אַליין אויך אַ גרויסער שיכור, האָט זיך געוואָלט ריינוואַשן און האָט באַשולדיקט דעם זיידן, אַז ער האָט פאַרסמט די סאָלדאַטן, אַז ער שטייט אין פאַרבינדונג מיט די „מיאַטעזשניקעס״, און האָט געמאָלדן וועגן דעם דעם פּאָלקאָווניק.

דעם זעלבן טאָג האָט מען דעם זיידן אַרעסטירט, אַוועקגעפירט אין נאָענטן שטעטל, וואו אַ מיליטער׳ישער געריכט האָט אים פאַראור־טיילט צום טויט — הענגען!

דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן. פרויען האָבן געבראָכן די הענט, געוויינט. מענער זיינען געשטאַנען דערשלאָגענע און מיט פינצטערע פנימער געקוקט אויף דעם אַריינגאַנג, פון וועלכן מ׳האָט געזאָלט אַרויספירן דעם צום טויט פאַרמשפּטן.

פּלוצלונג האָט זיך פון דעם וואַלדיקן שטעג דערטראָגן דאָס קלאַפּן פון קלויען איבער דעם פאַרהאַרטעוועטן שניי. צוויי רייטער האָבן זיך דערנענטערט, די פערד האָבן מיט אויסגעצויגענע העלדזער גאַלאָפּירט, ווי זיי וואָלטן אין דער לופטן געשוועבט, דער צעשטויבטער, אייזיקער שניי האָט זיי איינגעוויקלט אין אַ שנייאיקן שטויב.

פאַרקירעוועט פון דעם אויסבייג ביי דער אָזיערע, האָט זיך בולט אויסגעצייכנט די געשטאַלט פון אַלטן גענעראַל סאַכאַראָוו, און הינטער אים האָט זיך געהאָצקעט אפרים, האַלטנדיק זיך פאַר דער

גריווע פון דעם געפלעקטן פערד, וואָס האָט פון אָנשטרענגונג געפאָ־כעט מיט די זייטן.

גענעראַל סאַכאַראָוו איז האַסטיק אַראָגעשפּרונגען פון פערד. דער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען ביים טיר, האָט מיליטעריש באַגריסט דעם גענעראַל מיט די מעדאַלן און צלמים, וואָס האָבן זיך געבאַמבלט אויף זיין ברייטער ברוסט, און האָט ברייט צעעפנט די טיר.

די שטעטלדיקע יידן האָבן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן צוגעהערט זיך צו דער צאַרנדיקער שטים פונעם אַלטן גענעראַל, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון אינעווייניק.

פאַרנאַכט, ווען שטערן האָבן זיך גענומען צינדן אויפן ווינ־טערדיקן הימל, האָט מען אַרויסגעפירט דעם קאַפּיטאַן, וואָס האָט פאַר־מסרט דעם זיידן. פיר מיט ביקסן באַוואָפנטע סאָלדאַטן האָבן אים באַוואַכט. און באַלד נאָך אים איז פון דער זעלבער טיר אַרויס דער זיידע...

שבת האָבן הונדערטער יידן פונעם נאָענטן שטעטל און די אַרו־מיקע ישובים אָנגעפּאַקט דעם פּירהויז און די וועראַנדע. און ווען דער זיידע אייערער איז אַרויף אויף דער בימה בענטשן גומל, האָט דער איבערראַשטער עולם דערזען, אַז דעם זיידנס לאַנגע שוואַרצע באָרד, די שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ זיינען ווייס, ווי פריש אַרויסגעפאַלענער שניי, און דער קאָפּ האָט זיך געוואָרפן, געשאָקלט זיך פון לינקס אויף רעכטס.

— גוט וואָך, טאַכטער, גוט וואָך, קינדערלעך!

אין דער צעעפנטער טיר פון זאַל זיינען געשטאַנען דער זיידע מיטן פאָטער, וואָס זיינען נאָר־וואָס געקומען פון מעריב.

שבת־שירה

צוויי טעג און צוויי נעכט האָט דער שניי־שטורעם געבושעוועט, פאַרשאָטן אַלע וועגן און שטעגן, אָנגעוואָרפן בערג מיט שניי אַזוי הויך, אַז זיי האָבן דערגרייכט ביז איבער די פענצטער פון די קליינע יידישע הייזער. ערשט שבת פאַרטאָג האָט זיך דער שטורעם איינגע־שטילט און יידן האָבן זיך געלאָזט איבער דעם פאַרשנייטן אַלטן מאַרק אין די שולן אַריין.

פון די פענצטער אין דער אַלטער ליבאַוויטשער שול זעט זיך אַרויס גאָטס ווייסע וועלט. דער הויכער דאַך פון דער קאַלטער שול, דער ברונעם מיט דעם איינגעפרוירענעם עמער, צדוק דעם מלמדס שטוב מיט די אויסגעקרימטע ווענטלעך — אַלץ איז באַדעקט מיט אַ טיפן, פרישן אַרויסגעפאַלענעם שניי.

אויסגערוטע יידן, מיט אויסגעלייטערטע פנימער, שוואַרצע און גרויע בערד, פילן אָן די שול. אַפילו די מזרח־וואַנט איז שוין אין גאַנצן באַזעצט. תנחום דער שמש האָט שוין געגעבן דעם סיגנאַל דעם בעל־שחרית, און ווען רב מיכה, דער בעל־קורא, איז אַרויף אויף דער בימה, האָט זיך דער עולם איינגעשטילט און מיט גרויס כוונה זיך צוגעהערט צו דער סדרה.

— ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים — און ס׳איז געווען, ווען פרעה האָט אַוועקגעשיקט דאָס פאָלק, האָט גאָט זיי ניט געפירט דורך דעם לאַנד פון די פלשתים, — אַ פסוק נאָך אַ פסוק, וואו עס דערציילט זיך, ווי יידן וואַנדערן איבערן מדבר, ווי אַ וואָלקן־זייל בייטאָג און אַ פייער־זייל ביינאַכט גייט פאַרויס פאַר דער מחנה, ווי פרעה מיט זעקס הונדערט רייטוואָגנס און אַ גרויסן

חייל האָט דעריאָגט די יידישע מחנה ביים ים־סוף, ווי די דערשראָ־
קענע יידן האָבן גענומען שרייען און טענהן צו משהן: איז דען קיין
קברים ניטאָ אין מצרים, פון וואַנען דו האָסט אונדז אַרויסגעפירט,
אַז מיר זאָלן שטאַרבן דאָ אין מדבר? און ווייטער דערציילט זיך,
ווי באַגינען האָבן דער וואָלקן און פייער־זייל געוואָרפן אַ שרעק אויף
דער מיצרישער מחנה, ווי משה שטרעקט אויס זיין האַנט, דער ים־סוף
שפּאַלט זיך, די כוואַליעס מאַכן פריי דעם וועג פאַר די יידן און פאַר־
פלייצן די מיצרים מיט זייערע רייטוואָגנס און רייטער, דער אויפגע־
ברויזטער ים שפּייט אויס די טויטע מיצרים אויפן ברעג, ווי אַ לויב־
געזאַנג צו גאָט פאַר זיינע חסדים שאַלט אויף די ברעגן פונעם אויפגע־
שטורעמטן ים און מרים הנביאה און נאָך איר אַלע יידישע פרויען
זיינען אַרויס מיט טענץ און געזאַנג אַנטקעגן דער יידישער מחנה.

שבת־שירה פאַלט אויס געוויינטלעך, ווען דער ווינטער שטאַרקט
זיך, שניי־שטורעמס און פרעסט שמידן איין די ערד מיט אייז. און
ווען מיר לויפן אייליק אַהיים פון שול, באַגלייטן אונדז אַן עלטערער ייד
אין אַ פויערשן פּעלצל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, דער בעל־
תשובה, וואָס באַווייזט זיך איין מאָל אין יאָר אין שטעטל, לייבע דער
וואַסערטרעגער, אַ ייד אַ חסיד, מיט זיין יינגל מיט די לאַנגע פּאות,
וואָס קומען צו אונדז יעדן שבת אויף כיבוד.

לכבוד שבת־שירה טיילן מיר אויס הירזשענע קאַשע פאַר די
פייגעלעך, וואָס פלאַטערן אַרום די פענצטער הונגעריקע און מאָנען
זייער חלק. דער ייד אין פויערשן פּעלצל בעט אונדז, מיר זאָלן נעמען
אויך פון זיין טעלער קאַשע פאַר די פייגעלעך.

די אַלטע מאַריאַנע גרייט צו יעדעס מאָל אַ געלעגער פאַרן אַלטן
מיט אַ קישן און אַ וואַרעמען צודעק. ער לייגט זיך אָבער שלאָפן אין
קיך אויפן הילצערנעם דיל און באַגינען פאַרשווינדט ער ביז איבער
אַ יאָר שבת־שירה.

דער פעטער חיים

דער פעטער חיים באַזעצט זיך ביי אונדז אין הויז אויפן גאַנצן ווינטער. ער איז דער ממונה פון אַ רייכן וואַלד־סוחר, וואָס האָט אָפּ־געקויפט אַ גרויסן שטח וואַלד ניט ווייט פון שטאָט.

די פויערים, וואָס האַקן אויס דעם וואַלד און ברענגען דאָס גע־הילץ צום וואַסער, רופן דעם פעטער חיים „קרוטאפאותניק", וואָרעם ער האַלט כסדר אין אויפוויקלען און פאַרוויקלען זיינע לאַנגע, מיט גרוי באַשפּרינקלטע, פּיאות.

יעדן דאָנערשטיק נאָך דער אַרבעט קלייבן זיך צונויף ביי אונדז אין הויז צענדליקער פויערים פון די אַרומיקע דערפער. דער גרויסער טיש אין פירהויז איז באַלייגט מיט קבלה־ביכער, חשבונות. אויבנאָן זיצט דער פעטער חיים, קוקט אַריין אין קבלה־בוך און רופט אויס יעדן פויער לויט זיין נאָמען און דעם דאָרף, פון וואַנעט ער קומט.

— כוועדאָר פון כוואַיניקי, וויפל קומט דיר פאַר דער וואָך ? — פרעגט דער פעטער חיים.

כוועדאָר קוקט אויף דעם אויסגעקאַרבטן שטעקל, וואָס ער האַלט אין האַנט, טאַפּט מיט די פינגער די קאַרבן, קראַצט זיך די האָר אויפן קאָפּ און רעדט אַרויס מיט אַ פאַרשטיקטן קול:

— אַרום אַכט רובל, אויב איך מאַך ניט קיין טעות.

— אַכט רובל מיט זעכציק קאָפּיקעס, — באַשליסט דער פעטער חיים און צאָלט אויס דאָס געלט.

— ספּראַוועדליווי קופּיעץ, אַן אָרנטלעכער סוחר, — ריידן צווישן זיך די פויערים.

— — — — — — — — — — — —

דער פעטער חיים איז אַ ייד אַ למדן. כסדר זעט איר אים מיט אַ ספר אין האַנט. ער צעעפנט דעם גרויסן ספרים־אַלמער, זוכט, נישטערט, ביז ער געפינט דעם נייטיקן ספר. און ווען דער פאָטער מיינער קומט פון קראָם און מ׳ווערט פאַרטיק מיט דער וועטשערע, הייבט זיך אָן, געוויינטלעך, דער וויכוח. ריידן רעדט דער פעטער. דער פאָטער מיינער שווייגט מער, אָבער ווען ער זאָגט שוין אַ וואָרט, איז דאָס צום פונקט און מיט גרויס בקיאות אין דעם ענין. דער פעטער צעהיצט זיך, וואַרפט אָן אַ באַרג מיט ראיות, סברות. דער פאָטער הייבט זיך אויף פון אָרט, גייט צו צום אַלמער, נעמט אַרויס דעם „שאגת־ארי״, אַ שאלות־ און־ תשובות־ספר, וואָס איז נאָך עד־היום דער פוסק־אַחרון אין דער רבנישער וועלט, מישט אויף די נייטיקע שטעלע און באַווייזט עס דעם פעטער. דער וויכוח איז פאַרענדיקט.

— — — — — — — — — — — —

אַריבער דעם הילצערנעם בריק האָט זיך דער שליטן לייכט געגליטשט איבער דעם איינגעפרוירענעם שניי. אַ פראָסטיקער, זוניקער טאָג. דאָס אויסגערוטע פערדל האָט אונדז אין אַ האַלבער שעה געבראַכט צו דער פאַרלאָזענער קרעטשמע, וואָס שטייט ביים שליאַך. מיט דעם שטעג, וואָס די שליטנס פון די געהילץ־פירערס האָבן דורכגעלייגט אין דער וואַלד־געדיכטעניש, האָב איך מיט מיין יינגערן ברודערל און דעם פעטער חיים געלאָזן זיך גיין צו דער אַזיערע. וואָס נענטער, אַלץ וויניקער סאָסנעס. מעכטיקע דעמבעס הייבן זייערע קעפּ צום הימל. וואו ניט וואו שאָקלט אַ בעריאָזע מיט אירע נאַקעטע צווייגן. באַלד זיינען מיר צוגעקומען צום אָרט, וואו עטלעכע צענדליק פויערים האָבן אַרומגעהאַקט די צווייגן פון די דעמבעס־ריזן, וואָס זיינען געלעגן אין דעם אויסגעהאַקטן וואַלד־שטח.

מיר זעען, ווי אַ ריזיקער דעמב האָט זיך אָנגעבויגן, אָבער וויל זיך אַלץ ניט אונטערגעבן, אָפּרייסן זיך פון די מעכטיקע וואָרצלען, וואָס האַלטן דעם שטאַם צוגעבונדן צו זיך. ענדלעך טוט ער אַ ציטער, אַ ביי־טער קרעכץ־געשריי פאַרהילכט די לופט, און אַ באַזיגטער פאַלט ער אום אויף דער איינגעפרוירענער ערד...

אין דער רגע איז פון דער נאָרע אונטער די וואָרצלען אַרויס־געשפּרונגען אַ פוקס, אויסגעפּוצט אין זיין פּראַכטיקן ווינטערדיקן פעלץ, און האָט פּייל אויסן בויגן געלאָזן זיך לויפן. אַ פויער האָט אים נאָכגעוואָרפן אַ שאַרפע האַק.

— שיט אים אָן זאַלץ אויפן עק, — שרייט דער פעטער חיים.

— — — — — — — — — — — —

מוצאי־שבת זיינען מיר מיטן פעטער חיים געקומען צו שלש־סעודות אין דער לעכעוויטשער שול. דאָס זיינען אונדזערע אַלטע באַ־קאַנטע פון זומער, ווען דער קאַידענאָווער רבי האָט באַזוכט אונדזער שטעטל. לעכעוויטשער חסידים האָבן זיך ביי אונדז גערעכנט פאַר גרויסע בעל־מנגנים און פון אומעטום האָבן יידן זיך געצויגן צו הערן זייערע ניגונים.

געפּראָוועט דעם שלש־סעודות האָט דער ראש־ישיבה רב לפידות. אָן אָרעם געגרייטער טיש: קליינינקע חלות, כזיתלעך, פון האַלב ווייסן מעל, אַ הערינג מיט ציבעלעס, רעטעך. אַ פלאַש מיט יין־צמוקים פאַר הבדלה.

אויבנאָן איז געזעסן רב לפידות. מימינו, צו דער רעכטער האַנט, איז געזעסן ר׳ משה יאמין, משמאלו, צו דער לינקער האַנט, איז געזעסן חיים דער בעל־עגלה, אַ פייערדיקער חסיד מיט לאַנגע געקרייזלטע פאות. ווייטער זיינען געזעסן מיכל דער בייגער, לייבע דער קצב, נח דער שניידער, ברוך דער סטאָליער, דוד דער מוליער, ניסן דער בעל־עגלה — אָרעמע, האָרעפּאַשנע יידן, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן ניט נאָר די לעכעוויטשער שול, נאָר אויך די אָרעמע ישיבה־בחורים.

פאַרענדיקט מיט דער אָרעמער סעודה און רב לפידותס תורה־זאָגן, האָט חיים דער בעל־עגלה אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער און ס׳איז אַוועק אַ זמרל, אַ לעכעוויטשער ניגון, פריער אַ ביסל אויסגע־צויגן, פאַרדבקהט, ווייטער אַלץ מיט מער שנעלערן טעמפּ, מיט פייער און ברען. דאָס געזאַנג פילט אָן דעם רוים, רייסט זיך אַלץ העכער צו די פאַרפרוירענע פענצטער, אין דרויסן אַרויס...

די פייכטע אויגן פון די זינגערס קוקן ערגעץ אין דער ווייט,

האָבן פאַרגעסן אַלץ און אַלעמען אַרום זיך... די אָרעמע יידן, וואָס האָבן ניט צו זאָט ברויט אין זייערע היימען, האָבן געוואוינט די הימלען, שוועבן אין די עולמות־העליונים, האָבן געפונען דעם וועג צו גאָט...

מיין חבר מישקע

פאַררוקט אין אַ ווינקל פונעם לאַנגן הויף, הינטער די אַלטע שפּייכלערס, איז געשטאַנען דעם וואַסערטרעגערס הייזל, אַן אַלטע האַלב־איינגעפאַלענע חורבה, די קליינע פענצטער נידעריק, האַרט ביי דער ערד, די ווענט אויסגעבויגן, צעקרימט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז פון איין שטויס מיטן פוס וועט עס זיך צעפאַלן אויף ברעקלעך.

אין דעם הייזל האָט געוואוינט האַורילע דער וואַסערטרעגער, אַ הויכער גוי מיט אַ צונטער רויטער נאָז. סיי זומער, סיי ווינטער איז ער געווען אָנגעטאָן אין אויסגעריבן שאָפענעם פעלצל, די ליולקע אין מויל און שטענדיק שיכור.

זיין ווייב, די האַוריליכע, האָט אַרויסגעהאָלפן דעם מאַן אין דער אַרבעט: צעטראָגן וואַסער אין די יידישע הייזער, שבת אַראָפּגענומען די לייכטער פון טיש, געהייצט די אויוונס.

צוזאַמען מיט האַורילען פלעגט זי זיך אָפּט אַריינכאַפּן אין שענק, אויסטרינקען אַ גלעזל בראָנפן און מיט וואַקלדיקע טריט זיך לאָזן גיין צום הייזל, אָוועקזעצן זיך אויף דער „פּריזבע" און זינגען אַ ווייס־רוסיש ליד, אַן אומעטיק ליד פון איר ביטערן מזל, איר פינצטער לעבן. אַזוי פלעגט זי זינגענדיק איינשלאָפן און האַורילע פלעגט זי אַ פאַרשלאָפענע אַריינפירן אין שטיבל.

האַורילעס שטוב איז פול געווען מיט קינדער, יינגלעך און מיידלעך, איינס אונטערן אַנדערן. אַז די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן, זיינען זיי זיך צעפאָרן איבער די אַרומיקע דערפער, געאַרבעט ביי רייכע פּויערים.

געבליבן איז אין שטוב נאָר דער קלענסטער און יינגסטער, מיש־

קע, — אַ ייִנגל פֿון אַכט יאָר, מיט ליכטיק־בלויע אויגן, וואָס האָבן אַזוי ווי פֿאַרוואונדערט געקוקט אויף גאָטס וועלט.

מישקע איז געווען אונדזער חבר אין אַלע קינדערשע שפּילן. צוזאַמען מיט אונדז געבויט הייזלעך, געשפּילט אין דריידלעך, געריסן הושענה־בלעטער, געקראָכן צו הירשע דעם רופֿא אין סאָד רייסן עפּל און באַרן.

דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרן זומער־צייט. אָבער פֿון שפּעטן האַרבסט און דורך דעם לאַנגן ווינטער פֿלעגט דער קליינער מישקע בלייבן אַליין אַ פֿאַרשפּאַרטער אין שטוב. טאַטע־מאַמע גייען אַוועק באַגינען צו דער אַרבעט. האָרוויליכע באַזאָרגט אַ האַלב שטעטל מיט ברונעם־ און טייך־וואַסער. האָרווילע גייט אַוועק האַקן האָלץ. מישקע זיצט ביים פֿענצטער, קוקט אַרויס אויפֿן גאָרטן, וואו ס׳שטאַרצן אַרויס פֿאַרטריקנטע שטענגלעך פֿון מאָן, אַרומגעפּליקטע שטאַמען פֿון טער־קישן ווייץ. מישקע דערמאָנט זיך אָן די ליכטיקע זומער־טעג, די חברים זיינע...

— מאַמקע, מאַמינקע! — שרייט דער הונגעריקער, וואָס האָט אויפֿגעגעסן דאָס טרוקענע ברויט און די קאַלטע בולבעס, וואָס די מאַמע זיינע האָט אים איבערגעלאָזן אויף אַ גאַנצן טאָג. גאַנץ אָפֿט וויינט ער שטונדנווייז, ביז ער ווערט הייזעריק שרייענדיק, שלעפּט זיך אַוועק צו די נאַרעס, פֿאַלט אַנידער און שלאָפֿט ביז פֿאַרנאַכט, ווען די שיכורע טאַטע־מאַמע קומען פֿון דער אַרבעט.

זעלטן ווען ס׳געלינגט מישקען אַרויסצוכאַפּן זיך פֿון שטוב. ער טוט אָן זיין מאַמעס צעריסענע שיך, לויפֿט דורך דעם פֿאַרשנייטן הויף און קלאַפּט אין פֿענצטער.

אָבער ברײַנע איילט זיך ניט צו עפֿענען די טיר. דער שלעפּער וועט פֿאַראומרייניקן די פּאָדלאָגע מיט זיינע שטיוואַלעס.

מישקע קלאַפּט שטאַרקער אין די שויבן, שרייט און וויינט.

— די מאַמע איז ניטאָ! איך בין הונגעריק, לאָז מיך אַריין, ברײַנע!

ברײַנע עפֿנט די טיר פֿון קיך, לאָזט אַריין דעם פֿאַרפֿרוירענעם מישקען, גיט אים אַ טעלער וואַרעם געקעכטס.

דעם ווינטער האָט זיך דער פראָסט באַלד נאָך שבת־שירה נאָך מער פאַרשטאַרקט, געבערענט, ווי מיט פייער, פאַרכאַפּט דעם אָטעם. שוין צוויי טעג, ווי מישקע האָט זיך ניט באַוויזן ביי אונדז אין שטוב.

— איז מישקע געווען היינט ביי אונדז? — פרעגן מיר ברײנען.

— כ׳האָב אים ניט געזען, — ענטפערט די שטענדיק ברוגזע ברײנע. — און ווי קען ער קומען אַהער, דער שלעפער, אַ נאַקעטער און באָרוועסער?

דורך נאַכט האָט זיך דער פראָסט נאָך מער געשטאַרקט. ס׳איז ממש געווען אַ סכנה אַרויסצושטעקן די נאָז אין דרויסן. מיר זיינען שוין אין חדר ניט געגאַנגען.

נאָכן אָנבייסן זיינען מיר צוגעשטאַנען צו דער מאַמען. מיר ווילן זען, וואָס עס מאַכט מישקע.

אָנגעפּעלצטע, איינגעוויקלטע, לויפן מיר דורך דעם פאַרשנייטן הויף צום וואַסערטרעגערס שטוב, עפענען אויף די טיר פון פירהויז, כאַפּן זיך אַריין אין שטוב. דער אויוון, וואָס פאַרנעמט דעם גרעסטן טייל פון שטוב, איז אויסגעלאָשן. אין שטוב איז קאַלט. אויף די נאַרעס ליגט מישקע, איינגעוויקלט אין שמאַטעס. ער דערקענט אונדז ניט. ענט־פערט ניט אויף אונדזער רוף. ער ברענט, ווי אַ שטיק פייער.

מיר ווייסן ניט וואָס צו טאָן. לאָזן מיר זיך מיט אַ געוויין לויפן איבערן הויף, קומען אַריין אין שטוב און פאַלן־צו צו דער מאַמען.

— מאַמינקע, טייערע, ראַטעווע מישקען! ער ליגט אַ קראַנקער אויף די נאַרעס, ברענט, ווי אַ פייער. האָווריליכע איז אין שטוב ניטאָ. ער וועט דאָרט אויסגיין.

— וואָס־זשע קען איך העלפן? — זאָגט די מאַמע אַ פאַרזאָרגטע, — ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ קרענק דאָס איז?

מיר טרעטן ניט אָפּ, ביז די מאַמע טוט זיך אָן און גייט מיט אונדז צו מישקען.

זי קומט אַרויס פון שטוב מיט פאַרטרערטע אויגן, הייסט אונדז אַ רוף טאָן הלל דעם שערער, וואָס וואוינט ביי אונדז אין שכנות.

מיר זעען דורכן פענצטער, ווי הלל דער שערער טראָגט מישקען

אַן איינגעוויקלטן אין אַ קאָלדרע, הייבט זיך אויף מיט אים אויפֿן צווייטן גאָרן.

באַלד איז געקומען הירשע דער רופא, באַטראַכט דעם חולה, פֿאַרשריבן אַ רעצעפּט און זאָגט צו דער מאַמען, אַז ער האָט מורא פֿאַר אַ לונגען־אָנצינדונג, אַז זי האָט אויף זיך גענומען אַ שווערן פּעקל.

— און וואָס האָב איך געקענט טאָן, לאָזן אים אין דער חורבה ביי דער שיכורטע? ער וועט דאָך פֿאַרברענט ווערן.

איז מישקע געבליבן ליגן אַ קראַנקער ביי אונדז אויף דער שאַלקע. אונדז האָט מען ניט צוגעלאָזן צו אים. די שטענדיק ברוגזע ברײַנע האָט באמת געהאַט אַ וואַרעם, מענטשלעך האַרץ. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זי באַזוכן דעם קראַנקן, געבן אים די רפואה, דערלאַנגען וואַרעם מילך, איינדעקן אים.

האַווריליכע פֿלעגט יעדן פֿאַרנאַכט קומען אַ קוק טאָן אויף איר ייִנגל. פֿון צרות האָט זי נאָך מערער גענומען טרינקען, פֿלעגט אַ שיכורע צופֿאַלן צו דער מאַמען, צלמען זיך.

— באַלעבאָסטעטשקע, איך וועל דאָס קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן. דו האָסט דאָך מיך געראַטעוועט.

צוויי וואָכן איז מישקע געלעגן אין בעט, איז ביסלעכווייז גע־קומען צו זיך. און ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַראָפּ פֿון קראַנקן־בעט אַן אויסגעמאָגערטער, אַ בלאַסער, איז דאָס געווען דער גליק־לעכסטער טאָג אין אונדזער לעבן.

דער אַלמער מיט ספרים

אין דעם צוגעבויטן גרויסן פירהויז איז געווען אויסגעצאַמט אַ צימער, וואו ס׳איז געשטאַנען דער אַלמער מיט ספרים. דעם אַלמער האָט מען ביי אונדז באַצייכנט מיטן אויסטערלישן נאָמען דער „סע־קרעטער״.

אין מיטן פונעם ריזיקן אַלמער, וואָס האָט דערגרייכט ביזן באַלקן, פלעגט זיך צעעפענען אַ טיר, הינטער וועלכער ס׳זיינען געווען פאַר־באָרגן צענדליקער קעסטעלעך־באַהעלטענישן, וואו מ׳פלעגט האַלטן די זילבער, צירונג, און בעת די יום־טובים פלעגט מען דאָ באַהאַלטן פון די נאַשער די טייגלעך, יאַדערלעך, אינגבערלעך, צוקערלעקעך און אַנדערע גוטע זאַכן.

אויבן און אונטן האָבן זיך געצויגן פּאָליצעס מיט ספרים. דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען די שווערע אַרטילעריע, דער ש״ס — געבונדן אין שווערע לעדערנע טאָוולען, דער תלמוד־ירושלמי, די טורים, דער חשן־משפט. ווייטער זיינען געגאַנגען די מדרשים, חסידות־ און קבלה־ספרים. איך געדענק גוט דעם אַלטן זהר, געבונדן אין פּראַכטפולע פּיליגראַן־טאָוולען. דעם דאָזיקן זהר האָט מיין פאָטער געהיט, ווי דעם שוואַרצאַפּל פון זיין אויג, וואָרעם דער ספר איז אַריבער בירושה פון דור צו דור און דערגרייכט ביז צום מאַרטירער, וואָס איז אומגע־קומען על קדוש־השם אין אַ שטעטל אין בעהמען. ערב אַ ברית פלעגט מען פון דעם ספר זאָגן זהר אַ גאַנצע נאַכט, און פון אומעטום, פון ווייטע און נאָענטע גאַסן, פלעגט מען ערב אַ ברית קומען באָרגן דעם זהר.

אויף די אונטערשטע פּאָליצעס זיינען אויסגעשטעלט געווען מוסר־

ספרים און כתב־ידן. אויף איינעם פון זיי, וואָס איז באַצייכנט געווען מיטן טיטול „שערי־הרחמים", איז אויסגעמאָלט געווען דער גענעאַ־לאָגישער בוים פון דער משפחה און אויף דער צווייטער זייט פונעם שער־בלאַט זיינען מיטן פאָטערס כתב פאַרצייכנט געווען די נעמען און די געבורטס־טעג פון אַלע קינדער. גאָר אונטן אין אַ ווינקעלע האָט זיך צוגעטוליעט אַ ניט פאַרענדיקטע ספר־תורה, איינגעוויקלט אין אַ סאַמעטענעם מענטעלע.

איך פלעג באַוואונדערן, מיט וואָס פאַר אַ יראת־הכבוד מיין פאָטער האָט זיך באַצויגן צו ספרים.

אַרויסגענומען אַ ספר פון אַלמער, פלעגט ער מיט זיין נאָזטיכל אַרומווישן די טאָוולען, דעם רוקן, דורכבלעטערן און זען, צי ס'זיינען ניט פאַרבויגן די בלעטער. געלופטערט די ספרים האָט מען ניט נאָר דווקא ערב פסח, נאָר בכלל יעדן ערב יום־טוב.

און מיט וואָס פאַר אַ פריינדלעכקייט דער פאָטער מיינער פלעגט אויפנעמען יעדן, וואָס פלעגט קומען באָרגן אַ ספר. און אַזוינע יידן זיינען געווען אַפילו צווישן די בעל־מלאכהס. משה דער שניידער האָט שטאַרק ליב געהאַט אַריינקוקן אין אַ מוסר־ספר, ברוך דער סטאָליער האָט ממש געשלונגען די מדרשים, עליע דער דיער, שמואל זאהאריער פלעגן זיך אָפט דורכשפּאַצירן אַ היפשן מהלך אויסצובאָרגן אַ מסכתא, וואָס זיי האָט פאַרפעלט. אַפילו חיים דער שוחט, וואָס האָט אַליין פאַרמאָגט אַן אָנגעפּאַקטן אַלמער מיט ספרים, פלעגט זיך נאָכ־פרעגן אויף אַ חסידות־ אָדער קבלה־ספר.

פון וועלוול דעם געלנס חדר צו לפידותן אין ישיבה

אין מיטן זמן איז ר׳ וועלוול געקומען צו מיין פאָטער און האָט אים געזאָגט, אַז ווי ער וואָלט ניט וועלן שיידן זיך מיט אַזאַ תלמיד, איז אָבער אַן עבירה צו האַלטן אים לענגער אין חדר. די כיתה זיינע איז ווייט הינטערשטעליק פון אים און ער פאַרלירט אומזיסט די צייט. ער לייענט דאָך שוין אַ בלאַט גמרא. די עלטערע כיתה ביי לפידותן אין ישיבה איז מער צוגעפּאַסט צו אים.

צומאַרגנס בין איך נאָך מיט אַ שעה פריער געקומען אין לעכע־וויטשער שול, וואו ר׳ לפידות האָט געזאָגט דעם שיעור. געזעצט זיך וואַרטן ביים לאַנגן טיש, דעם זעלבן טיש, וואו די לעכעוויטשער חסידים פלעגן פּראַווען זייער שלש־סעודות.

באַלד האָט זיך די טיר פון שול צעעפנט. ר׳ לפידות, אַן איינגע־וויקלטער און אַנגעפּעלצטער, האָט מיט דריבנע טריטעלעך גענומען זיך דערנענטערן. איך האָב ר׳ לפידותן גוט געקענט, געזען אים ביי די שלש־סעודותן אין לעכעוויטשער שול, ביים קאַידענאָווער רבין, ווען ער פלעגט קומען צו אונדז אין שטעטל, ביים תשליך, ווען ער פלעגט מיט אַ גאַנצער מחנה חסידים קומען צום טייכל אויסשאָקלען די קע־שענעס, סימבאָליש אַריינוואַרפן אין וואַסער עבירות פון אַ גאַנצן יאָר. דאָס מאָל אָבער, ווען ר׳ לפידות איז אַרויסגעקראָכן פונעם שאָפּענעם פּעלץ, האָט מיך שטאַרק איבערראַשט דער מוראדיק גרויסער קאָפּ, דער הויכער למדנישער שטערן אויפן קליינעם איינגעשרומפּטן גוף.

ר׳ לפידות האָט זיך צוגעזעצט, גענומען מיך אויספרעגן, וויפל זמנים איך האָב געלערנט ביי ר׳ וועלוולען, וועלכע מסיכתות איך האָב געלערנט, און לסוף צעעפנט די מסיכתא פסחים, אויפגעמישט אַ פּרק

און געהייסן זאָגן. פון די באַוועגונגען פון זיין האַנט, דעם ריטמישן צוקלאַפּן מיטן פוס, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער ראש־ישיבה איז צופרידן.

ווען די ישיבה־בחורים האָבן זיך גענומען צונויפזאַמלען, האָט ר׳ לפידות צוגערופן אַ געוויקסיק בחורל מיט אַ זעלטן ליכטיקן פנים, גרויסע טונקל־גרויע אויגן און האָט געזאָגט:

— איר וועט לערנען צוזאַמען. משה איז אַ ביסל עלטער און קאָן אַ סך לערנען. ער וועט דיר פיל אַרויסהעלפן.

פון די איבער צוואַנציק קלויזניקעס אין דער עלטערער כיתה זיינען כמעט אַלע געקומען פון נאָענטע און ווייטערע שטעטלעך. ניט אַלע האָבן געהאַט אַ פולע וואָך טעג. דער גרעסטער טייל האָט גע־נעכטיקט אין שול, געשלאָפן אויף די האַרטע בענק. נאָך שווערער איז געווען דאָס לעבן פון די קלויזניקעס אין דער כיתה פון די מתחילים מיט איבער פערציק תלמידים. און ווען ניט די באָבע רייזל, ר׳ משה יאמיך, ניסן דער בעל־עגלה, וואָלטן די קלויזניקעס אין גאַנצן זיך צעלאָפן פון ישיבה. וואָרעם אין אַ סך אָרעמע יידישע היימען איז קיין מאָל ניט געווען גענוג ברויט פאַר דער אייגענער משפחה. געדענק איך, ווי פון דעם קליינעם הייזל ביי דער שול פלעגט זיך גאַנץ אָפט אַריינכאַפּן אין ישיבה אריה דעם טויבנס ווייב, די לעקעכמאַכערין, און אויסטיילן צווישן די קלויזניקעס אַ ביסל וואַרעם געקעכטס. און ר׳ לפידות אַליין פלעגט פון צייט צו צייט אויסשאָקלען פון זיין קעשענע אַ פּאָר קאָפּיקעס, אַמאָל אַ גאַנצן קופּערנעם צענערל, און אַריינשטעקן עס אַ נויט־באַדערפטיקן קלויזניק. ביי נחום דעם קרעמער פלעגט מען פאַר צוויי קאָפּיקעס קריגן אַ גרויסע לוסטע ברויט מיט אַ שטיקל הערינג.

פאַר דער עלטערער כיתה האָט ר׳ לפידות געזאָגט דעם שיעור אין דער פרי. קענטיק געווען, אַז דער ראש־ישיבה פלעגט זיך גרייטן און קומען צום שיעור מיט אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן אין אַלע פרטים. ער פלעגט דערמוטיקן די קלויזניקעס צו שטעלן פראַגעס, פלעגט זיך ניט איילן זיי צו פאַרענטפערן, נאָר באַמיען זיך, אַז די ישיבה־בחורים

אַליין זאָלן זיי אויפקלערן און אַזוי אַרום דערגרונטעוועז זיך צום עיקר פון ענין.

דער קרענקלעכער ר׳ לפידות פלעגט ביים זאָגן דעם שיעור זיך אין גאַנצן ענדערן. די שטימע האָט געקלונגען קלאָר און איבערצייגנ־דיק, ער פלעגט זיך אַ הייב טאָן פון אָרט, אַרומגיין אַרום דעם טיש, אָפּשטעלן זיך כמעט לעבן יעדער תלמיד, נאָכפרעגן זיך, צי ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען, און ניט מיד געוואָרן אונטערצושטרייכן און אויפ־קלערן די סתירות צווישן רש״י, תוספות און אַנדערע מפרשים.

די יינגערע כיתה האָט זיך געניטיקט אין אַ שטאַרקער האַנט, אַ שטרענגער דיסציפּלין. און דאָס האָט דער שוואַכער ראש־ישיבה ניט געקענט איינפירן.

באַזונדערס טומלדיק זיינען געווען די דאָנערשטיקדיקע וואָך־שיעורים, וועלכע פלעגן זיך פאַרציען ביז מעריב. איידער מ׳פלעגט אין די ווינטערדיקע אָוונטן אָנצינדן די לאָמפּן, פלעגט פּלוצלונג פון ערגעץ־וואו קומען צופליען אַ האַרט פּעקל האַנטעכער, אַ צווייטס, און טרעפן דעם ראש־ישיבה פונקט אין שטערן אַריין.

דאָס איז געווען די אַרבעט פון איינעם אַן איבערגעוואַקסענעם, פעסט־געבויטן ישיבה־בחור, לייבל, פון אַ יידישער ערד־אַרבעטער־קאָלאָניע, ניט ווייט פון שטעטל.

עס האָט לייבלען גראָד גאָרניט געפעלט, וואָרעם די מוטער זיינע פלעגט אים קעכלען מיט קעז און פּוטער פון די דריי בהמות אין אירווירטשאַפט.

ענדלעך האָט מען פּועל געווען ביי דער מוטער, זי זאָל אים צו־נעמען פון דער ישיבה.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען געקענט זען דעם זעלבן לייבלען ביי יחיאל דעם שמיד אין קוזניע, וואו ער פלעגט מיט אַ האַמער אין די שטאַרקע אָרעמס האַמערן אַן אָנגעגליטן אייזן איבער דער קאָוואַדלע. די קלויזניקעס האָט לייבל גערופן „פּאַטראָנסקע יאָלדן״, געעצהט זיי בעסער לערנען זיך אַ מלאכה איידער צו קוועטשן די בענק

ביי לפידותן אין ישיבה, און נאָכזינגען איינע פון די, לויטן אַלף־בית געגראַמטע, סטראָפעס: „למה לי חיים, למה לי זאת, פאַטראַנסקער לעבן חשוב כמת״!

דער חפץ חיים

אונדזער שטעטל פלעגן באַזוכן מגידים מכל־המינים: באַוואוס־טע, ווייניק באַוואוסטע און מגידים פוסגייער, וואָס פלעגן זיך אין אַ בין־מנחה־למעריב אַריינכאַפּן אין גרויסן בית־מדרש, בחפזון אָפּהאַלטן זייער דרשה, אַרומגיין אַליין איבער די הייזער, אַפילו אָן אַ באַגלייטער, צונויפצונעמען די אָרעמע פּאָר גראָשן.

ווען אָבער מ׳פלעגט אין די קלויזן און בתי־מדרשים אויסקלעפּן מודעות וועגן אָנקומען פון אַ באַרימטן מגיד, ווי, למשל, דער סקידלער, פלעגט זיך אין גרויסן בית־מדרש צונויפזאַמלען גאָר אַ גרויסער עולם. מ׳פלעגט אים לאַנג געדענקען און איבערחזרן זיין תורה, זיינע משלים, איינפאַלן.

איך האָב ניט דורכגעלאָזן קיין איין מגיד. אַ גרויסן רושם האָט אויף מיר געמאַכט דער סקידלער מגיד. דאָס אייגנאַרטיקע ניגונדל, די התלהבות, די געלונגענע משלים. דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב. האַרציקע רייד דרינגען אַריין אין האַרצן.

געדענק איך זיינע משלים: מיט וואָס איז דער גרויסער גביר געבליבן? אַ רייכע ירושה, וואָס איז אַוועק אין ניוועץ, אַ גרויס שיין הויז אָן פענצטער, וואָס לאָזט ניט אַריין קיין זון־שטראַלן, און אַ סך אַנדערע. מ׳פלעגט אים אויסהערן בנשימה אחת, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. מ׳פלעגט אים דערמאָנען לאַנג נאָך דעם, ווי ער איז אַוועקגע־פאָרן, און אַפילו אין ליבאַוויטשער שול האָבן זיך געפונען חסידים, וואָס האָבן שטאַרק געהאַלטן פון אים.

עטלעכע וואָכן פאַר פורים האָבן זיך אין שטאָט באַוויזן מודעות, אַז דער חפץ־חיים קומט. דער ראַדינער רב פלעגט פון צייט צו צייט

קומען פאַרקויפן זיינע ספרים און די הכנסה פון דעם פלעגט גיין פאַר דער ישיבה אין ראַדין.

דער טאָג, ווען דער חפץ־חיים איז געקומען, איז געווען מוראדיק קאַלט, פראָסטיק. דאָך איז דער בית־מדרש איבערגעפילט געוואָרן מיט יידן פון דער גאַנצער שטאָט. מאָטקע דער מלמד, אַ זקן, וואָס פלעגט אַ גאַנצן ווינטער ניט אַרויס פון שטוב, איז געקומען איינגעוויקלט אין אַ שאַפּענעם פעלץ. דער אַלטער נח איז אַראָפּגעקראָכן פון אויוון, האָט ערגעץ וואו פון אַ קניפּל אַרויסגענומען אַ זילבערנעם רובל, פאַר־גאַרטלט דעם קורצן פעלצל זיינעם, אַרויפגעשלעפּט די וואַליקעס און געלאָזן זיך צום בית־מדרש. עליע דער דיער איז אַ פאַרסאָפּעטער אַריינגעלאָפן אין בית־מדרש און גלייך זיך גענומען שפּאַרן צו דער בימה. ער האָט בכלל ניט דורכגעלאָזן קיין איין מגיד, בפרט נאָך דעם חפץ־חיים, אַ קלייניקייט דער חפץ־חיים! דער אַלטער שמואל, דער אַקציזניק פון דעם אַמאָליקן „אַטקופּ״, דער אַפּיקורס, וואָס איז שטענדיק געווען אַ ביסל בגילופין און פלעגט כסדר מלחמה האַלטן מיטן רבונו של עולם, אַפילו סטראַשען דעם הימל מיט דער פויסט, איז היינט געשטאַנען הינטער דער בימה שטיל און האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט. נחום דער קרעמער האָט מיט גרויס כוונה זיך גע־שאָקלט און ברוך דער סטאָליער האָט שטיל געשעפּטשעט: „אוי, טאַטע אין הימל״.

און אין דער שטילקייט פון דעם אָנגעפּילטן בית־מדרש האָט דער חפץ־חיים, אַ קליין יידל מיט אַ ליכטיקן פּנים, אַרויסגעזונגען: „צדיק יסוד עולם, דער צדיק, וואָס איז דער יסוד פון דער וועלט, איז ביי אונדז יידן ניט קיין אויסטראַכטעניש, נאָר אַ ממשות. פון נח־הצדיק ביז היינט צו טאָג, בכל דור ודור, איז דער צדיק דער עמוד־האש, דער פייערדיקער, וואָס באַשיינט די פינצטערניש, צייכנט דעם וועג.

פאַרצייטנס איז געווען נח הצדיק דער איינציקער, וואָס האָט געהאָט די זכיה צו ראַטעווען די וועלט פון מבול, פון אונטערגאַנג. איצט זאָגט מען ביי אונדז: „אַ ייד אַ צדיק״. איר הערט עס אָפט אין אונדזערע אָרעמע שטעטלעך. אַזאַ ייד איז ניט קיין נסתר, קיין למד־

וואָווניק, נאָר אַ פּשוטער ייד מיט אַן אָפּן, וואַרעם יידיש האַרץ. כל אחד מישראל קען דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון אַ צדיק. און אויב צווישן אייך זיינען פאַראַן אָרעמע יידן, וואָס נעמען אַוועק פון מויל דעם לעצטן ביסן ברויט און גיבן עס אַוועק אַ הונגעריקן ישיבה־בחור, זיינען זיי במדרגת צדיקים. און ניט נאָר דערפאַר, וואָס זיי שטילן דעם הונגער פון אַן אָרעמען קלויזניק, נאָר אויך מחמת דעם, וואָס זיי טוען עס מיטן גאַנצן האַרצן, מיט פרייד און בסבר פנים־יפות.״

און ווי נאָר דער חפץ־חיים איז אַראָפּ פון בימה, האָט זיך דער עולם גענומען שטופּן צום לאַנגן טיש ביים אַריינגאַנג, וואו ס׳זיינען געווען אויסגעלייגט די ספרים. יידן האָבן פון די טייסטערס אַרויס־גענומען די פּאַפּירענע רובלס, גענומען די ספרים. חברה־ש״ס און חברה־משניות האָבן איינגעהאַנדלט ספרים פאַר זייערע חברים. מענדל דער בלעכער האָט גענומען צוויי ספרים, איינעם פאַר זיך און אַ צווייטן אַ מתנה פאַר זיינעם אַ זון. דער אַלטער יאָשע האָט מיט ציטערדיקע הענט גענומען אויסציילן זילבערנע גילדנס, און דער אַלטער נח האָט צוגעטראָגן זיין זילבערנעם רובל און האָט בשום אופן ניט געוואָלט נעמען דעם האַלבן רובל אויסגאָב, וואָס מ׳האָט אים געוואָלט געבן. די יידן פונעם נייעם מאַרק האָבן צעכאַפּט די לעצטע ספרים פון טיש.

פאַרן אָפּפאָרן פון שטאָט האָט דער חפץ־חיים צוגעשיקט פינף און צוואַנציק רובל פאַר דער תלמוד־תורה און דער ישיבה.

רבנים און ראַבינערס

די יידן אין אונדזערע מקומות האָבן מזל געהאַט מיט זייערע רבנים. אַזוי האָט אין דעם קליין־אָרעמען שטעטל סמילאָוויטש, ניט ווייט פון דער קרייז־שטאָט, מיט יאָרן צוריק דעם כסא־הרבנות פאַר־נומען ר׳ אַריה ב״ר אשר, דער באַרימטער מחבר פונעם שאלות־ און תשובות־ספר „שאגת־ארי״.

אונדזער שטאָט האָט שטאָלצירט מיטן אַלטן רב, דעם צדיק און גרויסן ירא־שמים, וואָס האָט יומם ולילה געלערנט, געפאַסט תענתים און פלעגט פון די אָרעמע רבנישע שכירות זיינע מער ווי אַ העלפט צע־טיילן צווישן אָרעמע.

געדענק איך דעם זקן מיטן קליין ווייסן בערדל און די טיפע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פונעם בלייכן פנים. כסדר האָט ער זיך געאיילט, דער אַלטער רב. אָט לויפט ער מבקר־חולה זיין משה באַדאַנעס, אַ חולה מסוכן פאַר לאַנגע יאָרן, אָט איילט ער זיך צום ברית־מילה ביי עליע דעם לאַטוטניק ברענגען דער רביצנס אַ מתנה, אַ שטרודל, וואָס זי אַליין האָט אויסגעבאַקט לכבוד דער שמחה, באַלד לויפט ער אין הקדש זען, אַז די געלעגערס זאָלן געהאַלטן ווערן ריין, און פון דאָרטן צום בית־דין־שטיבל, צו אַ דין־תורה.

עליע דער שמש, מיט דעם גראָבן שטעקן און דעם לאַמטערן, פלעגט אים אין די ווינטערדיקע נעכט נאָכלויפן אויפן וועג פון דער ברייטער גאַס צום גרויסן בית־מדרש, וואוהין ער פלעגט זיך איילן אַפּצוריכטן חצות.

די יידן פון אונדזער שטאָט האָבן זיך ניט געשראָקן פאַר שריפות, וואָרעם דער אַלטער רב האָט געבענטשט די קהילה. און די שריפות,

וואָס האָבן געבושעוועט אין די מקומות, האָבן אַ לענגערע צייט אויס־געמיטן אונדזער שטאָט...

— — — — — — — — — — — —

באַלד נאָך דעם אַלטן רבס פּטירה האָבן די קהלשע קליאַמקעס אַראָפּגעבראַכט אַ נייעם רב ערגעץ פון דער ווייט, אַזש פון קורלאַנדער געגנט. דאָס איז שוין געווען אַ רב פונעם נייעם מין. אַן אויסגעפּוצ־טער, מיט דער פיין־אויסגעקעמטער באָרד, מיט דעם שנירל, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון זיינע פּענסנע. אַזוינס האָט מען גאָר ניט געזען אין אונדזערע מקומות. די שכירות זיינע האָט קהל געמוזט אים אויסצאָלן במזומן: ער וויל ניט, אַז די רביצן זאָל דאַרפן פאַרקויפן היינון און אַרומרייסן זיך מיט די יידענעס פון שטאָט.

דער נייער רב האָט זיך געהאַלטן ווייט פון פּשוטן עולם. דערפאַר האָט ער שטאַרק מקרב געווען די נגידים. אין דעם ערשטן יאָר פון זיין רבנות האָבן צוויי באַלעבאַטים פונעם אַלטן מאַרק געהאַט ביי אים אַ דין־תורה. איינער פון זיי, אַ גאַנצער מאַכער אין דער „אופּראַווע", דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אַן אייגנטימער פון אַ בראַנפן־און ווייַן־קעלער, האָט פאַרמסרט דעם צווייטן, אַז זיין וויין־קעלער איז וויי־ניקער ווי פּערציק קלאַפטער ווייט פונעם „סאָבאָר", דער פּראַ־וואָסלאַוונער קירך.

איז די טענה פונעם ראש בית־דין, דעם רב, געווען, אַז דינא דמלכותא — דינא און דעריבער קען דער בית־דין גאָרנישט העלפן. דער צד שכנגד איז אַרויס מיט דער טענה: וואו איז דאָס געהערט גע־וואָרן, אַז ביי אַ דין־תורה זאָל מען זיך פאַררופן אויף דינא דמלכותא? אויב אַזוי, דאַרפן דאָך יידן מקבל־באהבה זיין די אַלע גזירות, די רשעות לגבי יידן. וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ ראש בית־דין זאָל דערמוטיקן אַ מסור?

פון דעמאָלט אָן האָט שוין דעם רב קיין צרות ניט געפעלט. און אַז ער פלעגט קומען צו אַן אסיפה, פלעגט זיך פון די הינטערשטע בענק דערטראָגן אַ געמורמל: „דינא דמלכותא".

לאַנג האָט זיך דער רב ניט געהאַלטן. און ווען די קהלשע קליאַמ־

קעס האָבן געגומען טומלען וועגן אַ נייעם רב, האָט דער עולם מיט הארבע דבורים אַנגעזאָגט: נאָר אָן פּענסנע!

— — — — — — — — — — — —

אין אַמאָליקן רוסלאַנד האָט יעדע אויעזדנע קרייז־שטאָט געמוזט אָנשטעלן אַ „קאַזיאָנעם" רב, אַ ראַבינער, וואָס זיין הויפּט־עובדא איז געווען צו זיין דער פאַרמיטלער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון קרייז און דער רעגירונג. חוץ דעם האָט ער געמוזט פירן די רעגיסטראַציע פון אַלע געבורטן, אַרויסגעבן מעטריקעס, באַהילפיק זיין דער רעגירונג און דער אופּראַווע ביים צוזאַמענשטעלן די ליסטעס פון רעקרוטן ניט נאָר אין שטאָט, נאָר אויך אין אַלע קלענערע ישובים, וואָס האָבן באַלאַנגט צום קרייז, איינשווערן די נייע רעקרוטן אין דער אַרמיי, אויפנעמען און באַגריסן אין נאָמען פון דער יידישער באַפעלקערונג די פאָרשטייער פון דער רעגירונג בעת זייערע באַזוכן אין שטאָט.

במשך פון לאַנגע יאָרן איז דער ראַבינער ביי אונדז אין שטאָט געווען הרב ריטאָוו, וואָס האָט פאַרענדיקט אַ ראַבינער־שול. אַנגעקומען איז ער נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אָבער איז גיך פאַרעלטערט געוואָרן, און אין מיין זיכרון איז פאַרבליבן דאָס געשטאַלט פון אַ מיטליאָריקן יידן מיט אַ הדרת־פנים, גרוילעכער באָרד, קינדישע גרוי־בלויע אויגן.

אַ גוטהאַרציקער און באַשיידענער, איז ער שטאַרק באַליבט געוואָרן ביים עולם. און דאָס האָט מען געקענט זען, ווען דער פּשוטער עולם פלעגט מיט גרויס חשק קומען אין גרויסן בית־מדרש אין די זומערדיקע חדשים יעדן שבת הערן, ווי דער ראַבינער לערנט און פאַרטייטשט די פּרקי־אבות.

די פענצטער אין בית־מדרש זיינען צעעפנט, הונדערטער יידן האָבן באַזעצט אַלע בענק, זיינען געשטאַנען אין די דורכגענג. מחנות שוואַלבן, וואָס בויען זייערע נעסטן אין די געזימסן פון דער גרויסער קאַלטער שול, פליען פאַרביי מיט אַ צוויטשעריי, ווי זיי וואָלטן וועלן באַגריסן די יידן מיט דעם ליכטיקן, וואַרעמען שבת.

דעם ראַבינערס פּנים שיינט, ער איז שטאַרק צופרידן מיט דעם גרויסן עולם, וואָס איז אים געקומען הערן. ער דערקלערט דעם עולם, ווער עס זיינען געווען די אנשי כנסת־הגדולה, ווער עס איז אַזוינער שמעון הצדיק, וואָס ווערט עטלעכע מאָל דערמאָנט אין פּרק, און ווען עס קומט צו שמעיה ואבטליון, דערמאָנט ער די אגדות וועגן זיי, ווייטער רעדט ער וועגן בית־הלל ובית־שמאי און דעם אונטערשייד אין זייערע שיטות.

יעדן שבת ווערט דער עולם אַלץ גרעסער. ס׳קומען אים הערן אַפילו אַזוינע, וואָס קענען אַליין גוט לערנען, זיי נייטיקן זיך ניט אין דעם ראַבינערס אויסטייטשונג פון די פּרקי אבות און דאָך לאָזן זיי ניט דורך קיין איין שבת.

און דאָס איז מחמת דעם, וואָס די אַלע בעלי־מלאכות, דאָרפסגייער, בעלי־עגלות, — די אַלע האָרעפּאַשנע יידן פילן, אַז דער ראַבינער באַמיט זיך צו דערהייבן זיי, שענער מאַכן דאָס לעבן פון די מענטשן, וואָס מאַטערן זיך שווער אַ גאַנצע וואָך פאַר דער אָרעמער חיונה.

אין שטעטל האָט מען דעם ראַבינער באמת ליב געהאַט, אַ צדיק אַ ייד... און ווען ער איז פּלוצלונג געשטאָרבן נאָך אַ קורצער קראַנקייט, האָט אַ טיפער צער לאַנג באַדריקט די יידן פון שטאָט.

— — — — — — — — — — — —

דער נייער ראַבינער איז געווען דער זון פון אַ חסידישן יידן פונעם נייעם מאַרק, וואָס האָט פאַרענדיקט דעם ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט.

געגאַנגען איז ער שטענדיק אין אַ היטל מיט אַ קאָקאַרדע. אַ מוראדיקער פּאַטריאָט. באַלד נאָך זיין אָנקומען האָט ער זיך גענומען פאַר דער תלמוד־תורה. ערשטנס האָט מען געמוזט אויפהענגען דעם קייסערס פּאָרטרעט, שטאַרק מקפּיד געווען, אַז דעם מי־שברך פאַר דעם קייסער ירום־הודו זאָל מען ווי געהעריק דורכפירן יעדן שבת ניט נאָר אין בית־מדרש אין דער קאַלטער שול, נאָר אויך אין די חסידישע קלויזן.

גערעדט האָט דער ראַבינער מיט אַלעמען כסדר רוסיש, אַפילו

מיט עליע דעם שמש, וואָס פלעגט קומען מיט אַ שליחות פון רב, און היות עליע איז געווען אַ ביסל טויבלעך און האָט חוץ דעם ניט פאַר־שטאַנען, וואָס דער ראַבינער רעדט, פלעגט ער אין כעס ווערן, נעמען קלאַפּן מיט זיין שטעקן און אַוועקגיין אָן אַ תשובה פון ראַבינער.

דער אַלטער לאַהויסקי, וואָס האָט גערעדט מיט אַלעמען יידיש, האָט זיך געוואונדערט: וואָס איז דאָס פאַר אַ ראַבינער אַזוינער, וואָס איז ניט מבין בלשון און וואָס רעדט מיטן פרומען טאַטן זיינעם דווקא רוסיש?

דאָס איינשווערן די „נאָוואָבראַנצעס", די רעקרוטן, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען פונעם גאַנצן קרייז, פון די פילצאָליקע יידישע שטעט־לעך, פלעגט דער נייער ראַבינער דורכפירן מיט גרויס פּאַראַד אין דער קאַלטער שול. אָנגעטאָן אין דעם מונדיר מיט דער קאָקאַרדע אויפן היטל, פלעגט ער דורכנעמען דעם גרויסן עולם רעקרוטן מיט בייזע בליקן, און טאָמער האָט עמעצער אַ שמייכל געטאָן, פלעגט ער אַראָפּ־לויפן פון די טרעפּ צום אָרון־קודש, האַסטיק צוגיין צום רעקרוט און אַ שעפּטשע טאָן: אפשר ווילסטו, מ'זאָל דיך אַרעסטירן?

מיין פאָטערס פרנסה

די חיונה פאַר דער גרויסער משפחה האָט דער פאָטער מיינער געצויגן פון אַ שניט־קראָם אויפן אַלטן מאַרק.

געקומען איז ער אין דער קרייז־שטאָט פון אַ קליין שטעטל, אָן איידעם אויף קעסט. עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה איז ער שוין געשטאַנען אין דער גרויסער קראָם, אין דעם נייעם הויז מיטן ברייטן גאַניק און די צוויי זיילן, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן אַ באַלקאָן אויפן צווייטן גאָרן.

קיין גרויסע סוחרישע פעאיקייטן האָט דער פאָטער מיינער ניט פאַרמאָגט. אים האָט כסדר געצויגן צום לערנען, צום ספר, מיט אַ

שטאַרקער ירושהדיקער נייגונג צו קבלה. שטענדיק פאַרטראַכט, פאַר־מוחט, מיט אַ בליק, וואָס איז געווענדט ערגעץ אין דער ווייטן.

אָבער היות ער איז געווען דער איינציקער שניט־קרעמער מיט אַ גרויסן לאַגער סחורה סיי פאַר דעם פויער, סיי פאַר די שטאָטישע איינוואוינער און די אומצאָליקע פוילישע פריצים פון קרייז, זיינען די געשעפטן געגאַנגען גוט. מ׳האָט זיך קיין הענט ניט געקענט אָנגעמען און די קראָם איז כסדר געווען באַלאַגערט פון קונים ניט נאָר אין די מאַרק־טעג און יאַרידן, נאָר אויך אין מיטן וואָך.

מיט די יידן און די פוילישע פריצים האָט דער פאָטער מיינער געהאַנדלט אויף נאמנות. ס׳פלעגט צופאָרן אַ קאַרעטע מיט פיר פערד נאַשפּיץ. ווען דער פריץ מיט דער פריצטע פלעגט נעמען אויסקלייבן סחורה, איז די ערשטע פראַגע געווען: „צי זיינען די פרייזן, פאַניע דוקאַרסקי, אויף נאמנות״? און טאָמער האָט זיך דער פאָטער מיינער אַרויסגעכאַפּט אין געשפּרעך מיט אַ רוסיש וואָרט, פלעגט דער פריץ זיך אָנצינדן, ווי אַ פייער, און מיט כעס זאָגן: „איך בעט דיך, ניט רייד צו מיר אויף דער הינטישער שפּראַך.״

די פוילישע פריצים האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס צוטרוי צום פאָטער. זיין וואָרט איז ביי זיי געווען הייליק. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס בעת דעם פוילישן אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך אין דעם וואַלדיקן און זומפּיקן געגנט געצויגן מיט גרויס עקשנות אַ סך לענגער, ווי אין אַנדערע מקומות, פלעגט מען בשתיקה ברענגען גאָלד און צירונג, און דער פאָטער מיינער האָט עס אויסבאַהאַלטן, ביז דער שטורעם איז אַריבער, און האָט עס נאָך דעם צוריקגעגעבן די אייגנ־טימער אָדער זייערע יורשים.

די אָסאָווטשיכע, די איינציקע איבערגעבליבענע פון אַ גרויסער משפחה אויפשטענדלער, האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכן פריץ ניט ווייט פון שטאָט. זי פלעגט באַווייזן דער מוטער מיינער די צירונג, די אוירינגלעך מיט טייערע דימענטן, די בראַסלעטן, די שניר פּערל, וואָס זי האָט צוריקגעקראָגן פון מיין פאָטער.

די זעלבע אָסאָווטשיכע פלעגט יעדן פאַר פסח צושיקן וועגענער

מיט קאַרטאָפל, בוריקעס, אַלטע בגדים און מזומן געלט, וואָס מיין מוטער פלעגט עס צעטיילן צווישן די נויטבאַדערפטיקע יידן פון שטאָט.

די חשבונות מיט די קונים, וואָס האָבן גענומען אויף באָרג, — און אַזעלכע איז געווען אַ היפש ביסל, — האָט געפירט מיין פאָטער אַליין. אין דעם ספר־הזכרונות, ווי דער פאָטער האָט גערופן דעם שטאַרק צעוואַקסענעם חשבון־בוך, פלעגט לייזער דער איינבינדער פון צייט צו צייט איינניייען עטלעכע הונדערט נייע בלעטער. מיט דער צייט איז זיך דאָס בוך אַזוי צעוואַקסן, אַז ס׳איז שווער געווען עס אויפ־צוהייבן. חוץ דעם פאָטער מיינעם האָט זיך קיינער ניט געקענט פו־נאַנדערקלייבן אין די חשבונות. געשריבן זיינען זיי געווען מיט אַ דריבנעם רש״י־כתב און דער נוסח איז געווען איינער און דער זעלבער: „חשבון של ברוך סטאָליער, לחתונת בתו ציפע״, „חשבון של זלמן זייגערמאַכער לחתונת בנו זעליק״, „חשבון של האדון סלאָטווינסקי מרודניע״.

און יאָרן זיינען געגאַנגען. די משפחה איז זיך צעוואַקסן און די פרנסה איז כסדר געוואָרן קלענער. עס האָבן זיך גענומען עפענען נייע שניט־קראָמען ניט נאָר אויפן אַלטן מאַרק, נאָר אויך אויף דער בריי־טער גאַס. טאָקע אין שכנות מיט אונדזער הויז האָט זיך געעפנט אַ גרויסע קראָם, און דער נייער קרעמער פלעגט ניט דורכלאָזן קיין איין קונה, פלעגט זיי שלעפּן צו זיך אין קראָם... ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז דער פאָטער מיינער איז געצוואונגען געווען אָנצוקומען צו גמילת־חסדים.

און איין מאָל, אַן ערב־שבת פאַר פורים, האָבן זיך אין שטעטל באַוויזן צוויי אויסגעפּוצטע אורחים, איינער אַ פאָרשטייער פון אַ קאָ־מיסיאָנער אין לאָדזש און דער צווייטער אַן אַדוואָקאַט פון דער גרוי־סער שטאָט. זיי האָבן מיטגעבראַכט פּראָטעסטירטע וועקסלען אויף צוועלף הונדערט רובל און געפאָדערט, אַז דער חוב זאָל גלייך געסילוקט ווערן...

ס׳האָט געדויערט אַ וואָך צייט, ביז די נייטיקע פאָרמאַליטעטן

צו פֿאַרזעצן די הייזער ביי דעם אַלטן אויפֿזעער פֿון קאַרצער, וואָס האָט געמאַכט אַ פֿאַרמעגן פֿון דעם, וואָס ער פֿלעגט צונעמען פֿאַר זיך די טעגלעכע זיבן און אַ האַלב קאָפּיקעס צו באַשפּייזן די אַרעסטירטע, זיינען דורכגעפֿירט געוואָרן.

זינט דעמאָלט פֿלעגט דער אַלטער קמצן ניט דורכלאָזן קיין איין פֿרייטיק, כסדר באַזוכן אונדזער הויז און בעטן, מ'זאָל אים מכבד זיין מיט געפֿילטע פֿיש. כמעט אַלע שענערע און גרעסערע יידישע הייזער אין שטעטל זיינען פֿאַרזעצט געוואָרן און לסוף אַריבער אין גויישע הענט.

פֿאַר דער וואָך צייט איז מיין פֿאָטערס פּנים פֿינצטער געוואָרן. אין שטוב האָט ער מיט גאַרנישט אַרויסגעוויזן די קלעמעניש זיינע און אין די שבתים און יום־טובים האָט מען ניט געקענט באַמערקן, אַז דאָס איז דער אָנהייב פֿון אַן עקאָנאָמישן צוזאַמענברוך. נאָר אין די פֿרימאָרגנס האָט מען געקענט הערן דעם פֿאָטערס גמרא־ניגון גאַנץ באַגינען און אין די אָוונטן פֿלעגט ער קומען שפּעט אַהיים פֿון דאַוונען.

ערשט מיט חדשים שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז כמעט אַ העלפֿט פֿון די פּראָטעסטירטע וועקסלען זיינען געווען באַצאָלטע.

אין „האַנטשאַרס״ שטיבל

אַנטקעגן דער הויכער געמויערטער מיל, אין נאָענטער שכנה־שאַפט מיטן יידישן בית־עולם, איז געשטאַנען דעם „האַנטשאַרס״ שטיבל. מיט יאָרן צוריק פלעגט דער „האַנטשאַר״ (דער טעפער) ציען זיין חיונה פון מאַכן ליימענע טעפּ, שיסלען, קריג און פאַרקויפן עס אויפן אַלטן מאַרק. לעצטנס איז פון דער פּרנסה זיינער געוואָרן אַ תל. וואָרעם די יידן פונעם שטעטל טשערניאַוועקע, ביים טייך בערעזינאַ, פלעגן ברענגען צופירן אויפן מאַרק מכל־המינים ליימענע כלים, אַ סך שענער געפורעמט, דערצו נאָך „פּאָליוואַנע״, באַגלעזטע, און פאַרקויפן זיי בחצי־חנם.

איז דער ייד, נעבעך, געבליבן אָן פּרנסה.

אַ וואָך פאַר פּורים איז צו מיר אין ישיבה געקומען דעם „האַנ־טשאַרס״ עלטערער יינגל, וואָס האָט געלערנט אין תלמוד־תורה, און דערציילט, אַז דאָס ביסל תורה, וואָס איך האָב געלערנט מיט זיינע צוויי קלענערע ברידערלעך, ווען איך בין נאָך געגאַנגען צו אברהם־איטשען אין חדר, איז אין גאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. בעט ער מיך אין נאָמען פון זיין פאָטער, אַז איך זאָל זיי ווידער אַרויסהעלפן און קומען אַ פּאָר מאָל אין וואָך לערנען מיט זיי. צום סוף האָט ער מיט אַראָפּגע־לאָזטע אויגן צוגעגעבן, אַז ווען די ברידערלעך זיינע וואָלטן געהאַט שטיוועלעך, וואָלטן זיי אויך געגאַנגען אין תלמוד־תורה, זיצן זיי אָבער ביידע באָרוועסע אַ גאַנצן טאָג אין שטוב.

נאָך פריש איז געווען אין מיין זיכרון דאָס איילִיק גיין צום „האַנ־טשאַרס״ שטיבל מיט אַ פּאָר יאָר צוריק.

ס׳איז פריער פרילינג. באַלד נאָכן הילצערנעם בריק הייב איך

אַן שטעלן שנעלע טריט, וואָרעם פון ביידע זייטן שליאַך קריכן אַרויס פון די זומפּן זשאַבעס אין די הונדערטער און טויזנטער, פאַרפּלייצן דעם גאַנצן וועג, די בערגלעך אַרום די וואָרצלען פון די צעוואַקסענע בעריאָזעס, און קראַקען מיט אַזאַ מין ליידנשאַפטלעכן רוף...

קום איך צום קליינעם שטיבל אַ פאַרסאַפּעטער, אַ דערשראָקענער. ס׳וואַרטן אויף מיר דעם „האַנטשאַרס״ קינדער: צוויי יינגלעך און דאָס עלטערע מיידל. זיי זיינען אַזוי צופרידן. איך לייג אַוועק דעם תנ״ך און די צעווירעטע בויגנס פּאַפּיר אויפן טיש און הייב אָן קנעלן.

דאָס מאָל, ווען איך בין באַלד נאָכן שיעור אין ישיבה געקומען צום „האַנטשאַר״, האָב איך דאָס שטיבל ניט דערקענט. די צעקרימ־טע ווענטלעך האָבן זיך אַ רוק געטאָן נאָך טיפער אין דער ערד אַריין. די טיר פונעם פירהויז אין שטוב האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די זאַ־וויעסעס. די מוראדיקע בויט און עלנטקייט האָט אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקעלע.

די בלייכע פּנימלעך פון די יינגלעך האָבן געקוקט מיט אַזוי פיל צוטרוי און דאַנקבאַרקייט. דאָס מיידעלע האָט זיך פאַר דער צייט אַ הייב געטאָן, איז אויסגעוואַקסן, די טונקל־גרויע אויגן האָבן אַרויס־געשיינט פונעם ליכטיקן פּנים מיט פאַרשנדיקע בליקן.

דערציילט מיר דאָס מיידעלע, אַז דער עלטערער ברודער האָט איר אויסגעלערנט דעם גאַנצן אַלף־בית. זי קען שוין אַליין אויסלייגן ווערטער און האָט זיך אַפילו אויסגעלערנט פון דער „אַזבוקאַ״, אַלף־בית־ביכל, לייענען רוסישע ווערטער. זי וויל לערנען חומש צוזאַמען מיט אירע ברידער.

איך לערן מיט מיינע תלמידים די סדרה פון דער וואָך, יתרו, די מעשה ווי משה־רבינוס שווער ברענגט צו פירן זיין טאָכטער און אייניקלעך צו משהן אין מדבר, די יינגלעך זאָגן אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק, איך העלף זיי פאַרטייטשן די ווערטער, דאָס מיידעלע קוקט פון דער זייט, הערט זיך צו זייער אויפמערקזאַם און מיט עטלעכע וואָכן שפּע־טער לערנט זי שוין חומש צוזאַמען מיט אירע ברידער. אַן אָפּענער מוח!

דערווייל איז דער פֿאָטער געקומען פֿון דאָרף, וואוהין ער האָט אויף אַ קליין שליטעלע אַוועקגעפֿירט צו פֿאַרקויפֿן ליימענע כלים. ער האָט געבראַכט אַ זאַק מיט בולבעס, קעפּלעך קרויט, מערן, בורי־קעס, האָט איינגעהייצט דעם אויוון און גרייט צו וואַרעם געקעכטס פֿאַר די קינדער.

דער ייד איז שטאַרק פֿאַרעלטערט געוואָרן, גרוי, איינגעבויגן.

דאַנקט ער מיר, דריקט מיר וואַרעם די האַנט פֿאַר מיין מי צו קומען פֿון שטאָט אין אַזאַ קאַלטן טאָג, און פֿאַרענדיקט מיט אַ שמייכל: שליחי מצווה אינן נזיקון.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס מיידעלע, די תלמידה מיינע, איז אין דער גרויסער שטאָט צוגעשטאַנען צו דער גרופּע יידישע יוגנט, וואָס איז אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון דעם באַרימטן יידישן סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער גערשוני, ווען ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט קולטורעלער אויפֿקלערונג־אַרבעט...

פּ ו ר י ם

כשנכנס אדר מרבים בשמחה. ווען דער חודש אָדער קומט אָן, פֿאַרגרעסערט מען די שמחה.

יאָ, די שמחה איז גרויס אין די חדרים, וואו חברה קען זיך שוין ניט דערוואַרטן אויף די האַלבע טעג. די דאָנערשטיקדיקע וואָך שיעורים זיינען שוין ניט אַזוי שטרענג. די מלמדים האָבן אָפּגעלאָזן די לייצעס און די חדר־יינגלעך פֿילן זיך גאַנץ האָפֿערדיק.

און ניט נאָר אין די חדרים, נאָר אַפֿילו ביי לפֿידותן אין ישיבה איז גאַנץ שטאַרק קענטיק דאָס אָנקומען פֿון פּורים. די קלויזניקעס פֿון די ווייטע שטעטלעך גרייטן זיך צו פֿאָרן אַהיים אויף יום־טוב שרייבן זיי בריוועלעך, פֿאַרריכטן די אָרעמע מלבושים זייערע.

אַפֿילו די מתמידים פֿון דער עלטערער כיתה פֿאַרשפּעטיקן גאַנץ

אַפֿט צום שיעור, און ניט אַלע קומען נאָכן שיעור לערנען פֿאַר זיך אין גרויסן בית־מדרש.

לערן איך מיט מיין חבר משה ביז שפּעט אין דער נאַכט, און ווען מיר קלייבן זיך גיין אַהיים, קומט אַריין דער לאַפּיטשער, פֿון דעם וויטן שטעטל לאַפּיטש, זעצט זיך ביים טיש, נעמט אַרויס פֿון אונטערן מאַנטל דעם ספֿר „דור, דור ודורשיו" פֿון אייזיק־הירש ווייס און דער־ציילט אונדז, אַז ער האָט היינט זיין טאָג אויפֿן נייעם מאַרק, האָט אים דער עלטערער זון, וואָס קלייבט זיך חתונה האָבן, בשתיקה געגעבן דעם ספֿר.

דאָס איז שוין דאָס צווייטע העברעאישע בוך, וואָס איך האַלט אין די הענט. דאָס ערשטע, „מסתרי פּאַריז", פֿלעג איך באַהאַלטענערהייט לייענען אין סוכּה, וואוהין קיינער קומט ניט אַריין. ניט געלייענט, נאָר געשלונגען די אויסטערלישע מעשׂות פֿון פּאַריז. איך האָב מיט מיין חבר משהן געלייענט דעם „דור, דור ודורשיו" בשתיקה אין בית־מדרש פֿאַר לאַנגע וואָכן, איבער יום־טוב, און אַפֿילו שפּעטער, ווען דער נייער זמן האָט זיך אָנגעהויבן, געלייענט און איבערגעלייענט.

פֿון אָנהייב איז טאַקע געווען גאַנץ שווער צו באַנעמען און באַ־הערשן דעם אונדז לחלוטין פֿרעמדן מאַטעריאַל פֿון „תולדות התורה שבעל־פּה מקדמתה עד חורבן הבית־השני". אָבער וואָס ווייטער איז דאָס לייענען געוואָרן אַלץ גרינגער, און ווען מיר זיינען געקומען צום צענטן פּרק, וואו דער מחבר שילדערט מיט גרויס יראת־הכּבוד און ליבע די אַנשי כּנסת־הגדולה, ר' שמעון הצדיק, האָבן מיר ממש גע־קוואָלן פֿון נחת, געלייענט און איבער־געלייענט. דער ספֿר האָט מיך אַריינגעפֿירט אין דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור, געמאַכט מיך שפּעטער פֿאַר אַ חסיד און שטענדיקן לייענער פֿונעם „השלח".

— — — — — — — — — — — —

נאָך אַ לאַנגן ווינטער מיט די פֿרעסט און שניי־זאַווערוכעס האָט פּלוצלונג אַ פֿרילינג־ווינטל אַ בלאָז געטאָן, און אַ ליכטיקע זון האָט גענומען דערוואַרעמען די פֿאַרחלשטע ערד.

און אין אונדזערע מקומות גייט עס שנעל. ריטשקעלעך שטראָמען

און בלעזלען זיך ביי די זייטן פון וועג און אַ שוועלבעלע, זע איך, האָוועט שוין ביי די פענצטער פון דער קאַלטער שול.

ס'איז ערב פּורים.ביים טויער פון אונדזער הויז באַגעגן איך האַווריליכען, די וואַסערטרעגערין. זע איך, אַז זי האַלט אַ גרויסן המן־טאַש אין די הענט. באַגריסט זי מיך מיט גרויס פרייד: „וויעסנאַ פּרישלאַ אי המנטאַשי פּרישלי״ — פרילינג איז געקומען און די המן־טאַשן זיינען געקומען.

אין שטוב איז יום־טובדיק. דער פאָטער קומט פון קראָם, נעמט אַראָפּ דעם וואַכעדיקן סורדוט. אַ בלוי פּאַפּירן פינפערל שטעקט אַרויס פון וועסטל־קעשענע. ער איז, טראַכט איך, שוין פאַרטיק מיט זיין מעות־חיטים־נדבה, וואָרעם באַלד נאָך פּורים הייבט מען אָן גיין פון הויז צו הויז. און היות די פּרנסה ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער איינגעשרומפּן, האָט ער זיך באַצייטנס פאַרזאָרגט מיטן פינפערל, ס'זאָל אים, חלילה, ניט פאַרפעלן אויף מעות־חיטים.

אַרויסגענומען די פאַרמעטענע מגילה פון ספרים־אַלמער, אָנגע־טאָן די יום־טובדיקע מלבושים, לאָזן מיר זיך גיין אין דער ליבאַ־וויטשער שול. קאַלאַקאָטקעס, גראַגערס לאָזן זיך שוין הערן איבער די גאַסן, און ווען מיר קומען אַריין אין שול, באַמערק איך הינטער דער בימה ליגן אויסגעלייגט אויף די בענק שייטלעך בעריאָזעווע און דעמ־בענע האָלץ. דאָס האָבן חברה קלאַפּערס זיך צוגעגרייט. דאָס דריבנע טופען מיט די פיס אויף דער פּאָדלאָגע פון די דערוואַקסענע, די קאַ־לעקאָטקעס און גראַגערס איז פאַר זיי ווייניק. אַז קלאַפּן, זאָל זיין גע־קלאַפּט.

אָט איז ר׳ מיכה אַרויף אויף דער בימה, אַ גלעט געטאָן דאָס בערדל, אַ הוסט געטאָן און הייבט אָן: „ויה־י בימי אַחשורוש״. צוויי לאַנגע קאַפּיטלעך. ענדלעך דערגרייכט ער דעם אָנהייב פונעם דריטן: „אחר הימים האלה גדל המלך אחשורוש את המא־ן בן המדתא האגגי״.

אַ שטורעם איז אויסגעבראָכן. די קאַלעקאָטקעס קלאַפּן, די גראַ־גערס גראַגערן, יידן טופען מיט די פיס און די חברה־קלאַפּערס האָבן גענומען אַרבעטן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז שפּענער־שפּליטערס פליען אין

אַלע זייטן, די אַלטע בימה ציטערט, שאָקלט זיך. זיי הערן ניט אויף אַפּילו נאָך דעם, ווי דער גאַנצער עולם האָט זיך איינגעשטילט, און דער בעל־קורא, ר׳ מיכה, מיטן דינינקן קולכעלע, קען זיי ניט אַרי־בערשרייען.

זלמן דער זייגערמאַכער קען בכלל ניט פאַרליידן קיין עוולות, בפרט נאָך ווען עס האַנדלט זיך וועגן שטערן לייענען די מגילה... איז ער מיט כעס צוגעלאָפן, גענומען אַרויסרייסן די שטעקנס פון די קלאַפּערס, געצוואונגען זיי אַראָפּצוגיין אין פּאָליש.

— דאָרטן קענט איר קלאַפּן, וויפל אייער האַרץ גלוסט.

ווייטער איז שוין דאָס לייענען אַנגעגאַנגען אין אָרדענונג. יידן האָבן געטופּעט מיט די פיס, קאַלעקאָטקעס האָבן געקלאַפּט, גראַגערס האָבן געגראַגערט, און די חברה־קלאַפּערס אין פּאָליש האָבן געאַר־בעט אויף אַלע כלים ביז דער לעצטער מינוט, ביז המגס נאָמען ווערט צום לעצטן מאָל דערמאָנט אין נײַנטן קאַפּיטל פון דער מגילה.

— — — — — — — — — — — —

פּורים איז אַ וואָכעדיקער יום־טוב. די קראָמען זײַנען אָפן, בעלי־מלאכות אַרבעטן. ווי זאָגט דאָס ווייסרוסיש־יידיש ווערטל: „פּורים ניע סוויאַטאָ — טראַסציאַ ניע כוואָראָבאַ" — פּורים איז ניט קיין יום־טוב, קדחת איז ניט קיין קראַנקייט.

און דאָך פילט זיך עפּעס יום־טובדיק אין די גאַסן, אויפן מאַרק. באַלד נאָכן אָפּדאַוונען און אָפּלייענען די מגילה הייבט זיך אָן דער גרויסער יאַריד מיט שלח־מנות. ייִנגלעך, מיידלעך מיט איבערגע־דעקטע טעלער איילן פון איין גאָס אין דער צווייטער, פון אַלטן מאַרק אין שול־גאָס, פון דער ברייטער גאָס אַזש צום נייעם מאַרק, פון בע־רעזינער אין מינסקער, און אַזוי ווייטער. ס׳טרעפט, ווען אַ ייִנגעלע, אַ שלח־מנות־טרעגער, קען זיך ניט אײַנהאַלטן, קוקט ער זיך אַרום אין אַלע זייטן, כאַפּט אַראָפּ פון אונטערן צודעק אַ צוקערלעקעך, אַ שטיקל טאָרט, שטעקט עס אַרײַן אין קעשענע אָדער פּשוט אין מויל אַרײַן. צוויי שלח־מנות־טרעגער טרעפן זיך אין אַ זײַטיקן געסל. איז מען זיך מישב און מען מאַכט אַ מסחר: איך וועל אַראָפּנעמען פון דײַנע און דו נעם אַראָפּ פון מײַנע... אַ געניאַלער אײַנפאַל.

באַלד הייבן אָן אָנקומען די שלח־מנות־טרעגער פון אַלע זייטן. משה דער בלינדער קלאַפּט מיטן שטעקן איבערן ברוק, עפנט די טיר און רופט אויס: תנחום דער שמש האָט אייך געשיקט שלח־מנות. הייבט מען אויף דעם צודעק, מ׳נעמט אַראָפּ אַ שטיקל לעקעך און מ׳לייגט אַריין צוויי זילבערנע האַלבע רובלס. אברהמל גוס קומט אַריין מיט זיין ליימענער שיסל, זאָגט מ׳יט אַ קוויטשעדיק קולכל: באַלעבאָסטע, געבראַכט שלח־מנות. דער קוימענקערער, אַ בייזער ייד, זאָגט קיין וואָרט ניט, שטייט ביי דער טיר און שוויגט. עליע דער שמש מיטן גראָבן שטעקן ברענגט צו טראָגן שלח־מנות פונעם אַלטן רב, אַ יינגעלע האָט אַריינגעבראַכט שלח־מנות פון חיים דעם שוחט, וויינט ער מיט ביטערע טרערן: אַ שייגעץ האָט אַראָפּגעכאַפּט פון זיין טעלער אַן אַפּעלסין...

— — — — — — — — — — —

נאַכטיקע שאָטנס שפּרייטן זיך איבערן הויף, דערגרייכן שוין די שפּייכלערס. אין זאַל איז אַלץ צוגעגרייט צו דער פּורימדיקער סעודה. דער בליץ־לאָמפּ באַלייכט דעם טיש, שפּיגלט זיך אין די גלעזערנע כוסות, וואָס שטייען אין מיטן טיש.

דער געשוואָרענער גאַסט פון דער פּורימדיקער סעודה, דער קרײפּל לוריע, איז שוין אויף זיינע קוליעס אַרויפגעקראָכן אויף דער שאָל־קע. דאָס קאָכלנע אייוועלע איז איינגעהייצט. די בעריאָזעווע שייטלעך האָלץ פּלאַקערן. האָט לוריע אַראָפּגעוואָרפן זיין פּעלצל, אויסגעצויגן זיך אויף דער פּאַדלאָגע, קוקט אין פלאַמענדיקן פייער.

דער קרײפּל איז אַן אייביקער וואָגלער. כסדר טרייבט מען אים מיט עטאַפּן פון איין שטאָט צו דער צווייטער. אַמאָל קומט ער אָן מיט אַן עטאַפּ קאַטאָרזשניקעס. די קייטן אויף די הענט און די פיס קלינגען, די וואַך־סאָלדאַטן מיט די בלויזע שווערדן רינגלען אַרום דעם „קאָנוואָי", און לוריע שפּרינגט אונטער אויף זיינע קוליעס דער לעצטער... ער איז אַ „בעזפּאַספּאָרטני", האָט קיין פּאַספּאָרט ניט, און היות ער איז צוגעשריבן צום אָרטיקן קהל, ברענגט מען אים

אין שטאָט, מ׳פאַרהאַלט אים אויף אַ פּאָר טעג און מ׳לאָזט אים אַרויס.

קיין נדבות בעט ער ניט. ער איז אָבער אַליידנשאַפטלעכער רויכערער. זעצט ער זיך אַוועק אויף אַ גאַניק אויף דער ברייטער גאַס, דאָרטן וואו ס׳געפינען זיך די פאַרשיידענע רעגירונגס־אינסטיטוציעס. גייט פאַרביי דער „וואָאינסקי נאַטשאַלניק״, דער „פּרעדוואָדיטעל״, דער פירער פון די אַדעליקע, דער „איספּראַווניק״, שפּרינגט לוריע אונטער אויף זיינע קוליעס. „דאַי פּאַפּיראָסו״, גיב אַ סיגאַרעט. זיצט ער און רייכערט.

ווען ייִנגלעך דערוויסן זיך, אַז לוריע איז געקומען, ווערט פרייד אין שטעטל. שטעלן זיך אַ פּאָר חברה־לייט פון דער ווייטן און רופן אויס: „אַהאַ, פּריפּיסאַני״, דאָס הייסט ניט קיין שטאָטישער, נאָר אַ צוגעשריבענער. ווערט לוריע מלא כעס, לאָזט זיך שפּרינגען אויף איין קוליע, די אַנדערע וואַרפט ער אויף זיינע פאַרפאַלגער. אַמאָל כאַפּן זיי די קוליע און אַנטלויפן. לוריע נאָך זיי. אַ גערודער אין שטעטל. זלמן דער זייגערמאַכער, ווי באַוואוסט, קען ניט פאַרטראָגן קיין עוולות, לויפט ער אַרויס פון זיין קראָם מיט אַ שטעקן אין די הענט און שרייט: „איך וועל אייך ממיתן״! פאַריאָגט ער די ייִנגלעך, דערלאַנגט דעם קריפּל אַ קוכן.

צום טיש פון דער פּורימדיקער סעודה קומט לוריע ניט אַראָפּ. ער קומט ערשט אַראָפּ, ווען די פּורים־שפּילערס קומען. זיי קומען, געוויינטלעך, ווען די סעודה האַלט זיך שוין ביים פאַרענדיקן און חיים דער שוחט רעדט מעניני דיומא, די בני־המן, די המנס, וואָס שטייען אויף בכל דור ודור. אַ ייד אַ גרויסער למדן און אַ פייערדיקער חסיד, איז ער דאָך באַהאַוונט אין וועלטלעכע ענינים, אין די פּאָליטישע געשעענישן. קיין בלעטער לייענט ער ניט. איין מאָל אין אַ שמיטה פאַלט אים אַריין אין די הענט דער „המליץ״, וועלכן עס שרייבט אויס דער „פילאָסאָף״ פון נייעם מאַרק.

ענדלעך דערהערט זיך אַ גערודער אין פירהויז. אַחשורוש — דער

שניידער פון באָד־גאַס — מיטן באַגילדטן שטעקן, מיט דער לאַנגער פלאַקסענער באָרד און קרוין אויפן קאָפּ, — גייט פּאָראויס, די כאַ־ליאַסטרע נאָך אים, אַלע שטעלן זיך אויס הינטער אים. מרדכי היהודי אין אַ לאַנגער, אויסגעריבענער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, אסתר־המלכה אין אַ קרינאָלינע, די בני־המן — פּועלים ביי אליקום דעם קירזשנער.

דער שפּיל הייבט זיך אָן. גייט אַרויס אַחשורוש. „איך בין דער קיניג אַחשורוש, דער מלך פון הודו ביז כוש, אַלץ איז מיר אונטער־טעניק, איין טופּע מיטן פוס און פון אונטער דער ערד וועלן אַרויס מיינע חיילות״. אַ האַק מיטן באַגילדטן שטעקן אין דער פּאָדלאָגע. אסתר־המלכה, מרדכי־היהודי, די בני־המן מיט די קוויטשענדיקע קול־כעלעך. אַלע ריידן זיי מיט גראַמען. לוריע שטייט אין אַ ווינקעלע און קוועלט פון נחת.

פאַרענדיקט דעם שפּיל, גייט אַחשורוש אַרום טיש מיט אַ פּושקע אין האַנט. מ'וואַרפט אַריין קופּערנע און זילבערנע מטבעות. אויך לוריע האָט צוגעטראָגן זיין קופּערנעם צענערל.

די שפּילערס זיינען צופרידן. נעמען זיי זיך פאַר די הענט, טאַנצן אַ קאַראַהאָד און זינגען: „וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער יידן זיי־נען מיר״.

דאָס אייז ברעכט זיך

דאָס קליין טייכל אונדזערס פלעגט אין שפּעט־זומער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ריטשקעלע וואַסער. דעם טאַטערס גענדז, בראש מיטן ווילדן גאַנער, פלעגן עס אַריבערשפּאַנען, ניט איינגעצנדיק אַפילו די לאַפּקעס זייערע.

און איצט, אַ וואָך נאָך פּורים, האָט זיך עס צעגאָסן, האָט פאַר־פליײצט די זומפּן אויף מיילן און מיילן אַרום. אַ ים ממש. און ס'דוכט זיך, אַז באַלד וועט עס אַראָפּשווענקען דעם הילצערנעם בריק, די היל־צערנע קליינע שטיבער.

די אייז־קריעס פון פאַרשיידענער גרייס און פאָרם קומען צו שווימען ערגעץ פון דער ווייטן מיט אַ גערויש און גערודער, הייבן זיך אין דער הייך, קערן זיך איבער, שפּרינגען איינס איבער דעם אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן אַרויפכאַפּן אויפן בריק. די פּויערים, וואָס מ'האָט צונויפגעטריבן פון די אַרומיקע דערפער צו פאַרריכטן די וועגן, שטייען אויף דער וואַך ביים בריק, פּרוואָון מיט די לאַנגע שטאַנגען איינצוהאַלטן דעם אָנגריף פון די אייז־קריעס, פריי מאַכן דעם וועג פאַר זיי אין מיטן פון שטראָם און העלפן זיי אַרויסצופּלאָנ־טערן זיך פונעם אייזיקן קנויל.

די חדר־ייִנגלעך זיינען די ערשטע צו באַוואונדערן דעם ים וואַסער, וואָס דערגרייכט שוין ביז די ווענט פון די הייזער, דעם משונה־דיקן גערויש פון די קריעס, וואָס האָבן זיך צונויפגעדרונגען ביים גרויסן היוכן הויז אין אַ ריזיקן אייז־קנויל.

אָט איז אַ שיפל מיט עטלעכע פּויערים צוגעשוואומען צום גרויסן הויז און האָבן מיט דרענגער גענומען צעברעקלען די אייז־קריעס,

וואָס דערגרייכן שוין ביז צו די פענצטער פונעם הויז, אַט האָט דאָס שיפל זיך פאַרקירעוועט אונטערן בריק, שטויסנדיק די קריעס פאַר־אויס.

נאַכטיקע שאָטנס נעמען זיך שפּרייטן איבער די זומפּן, דעם ים וואַסער. די קולות פון אַנגרייפנדיקן איז זיינען אַזוי מאָוימדיק, און ס׳דוכט זיך, אַז דאָס זיינען אויסטערלישע, פאַרצייטיקע חיות, וואָס האָבן זיך פאַרנומען חרוב צו מאַכן דאָס קליין אָרעם שטעטל. די חדר־יינגלעך האָבן זיך גענומען טוליען איינער צום צווייטן, דערציילן זיך מעשיות פון אַ ווילדן אָקס, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער גע־דיכטעניש פון די וועלדער, אַנדערע ווידער זאָגן, אַז דאָס איז דער שור־הבר אַליין, און יש־אומרים, אַז דאָס איז דער לוויתן, וואָס האָט איינגעשלונגען יונה־הנביא...

און צומאָרגנס האָט אַ ליכטיקע זון געשיינט אויפן הימל, גע־וואָרפן אַ מענגע גאָלדיק־ליכטיקע שטראַלן אויף דער ערד. אַ סימן, אַז סוף־כל־סוף וועלן די כוחות פון נייעם לעבן, וואָס ווערט געבוירן, פאַרטרייבן די נאַכטיקע שאָטנס, די פינצטערניש...

די אייז־קריעס האַלטן נאָך אַלץ אין אָנקומען. געגנוג שניי און אייז האָט זיך אָנגעזאַמלט פאַרן לאַנגן, בייזן ווינטער. צוזאַמען מיט די קריעס קומען איצט צו שווימעןביימער, וואָס די שטורעמדיקע כוואַליעס האָבן אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען. און די שוועלבעלעך פלאַטערן אייליק איבערן וואַסער, איבער די זומפּן, אַ פּיק אין אַן אָנט־בלויזטן בערגעלע, וואו אָרעמע גרינס הייבט אָן אַרויסקומען אויף גאַטס וועלט, און מיט אַ צוויטשעריי טראָגן זיי זיך אַוועק צו דער געמויערטער מיל, וואו זיי האָוון אָרום זייערע נעסטן.

און באַלד איבערן בריק, אין די נידעריקע שטיבלעך אויף דער מינסקער גאַס, זעען מיר, ווי יידן גרייטן זיך גאַנץ פלייסיק מקבל צו זיין דעם יום־טוב פּסח. די מאַליאַרעס פון שול־גאַס, הויכע יידן — אַלע פון איין משפחה — מיט די לאַנגע בערשט האָבן צעעפנט די פענצטער, קאַלכן די ווענט. די אַרבעט גייט גאַנץ שנעל. מ׳דאַרף ניט מישן קיין פאַרבן, שטעלן קאָלירן. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט איין

שטיבל, גייען זיי אַריבער אין אַ צווייטן, אַ דריטן, און באַלד וועט די גאַנצע מינסקער גאַס זיין אָפּגעוואַשט, אָפּגעקאַלכט.

די אויסגעקאַלכטע פירהויז רייניקט מען אויס פון יעדן שמץ פון חמץ. אין אַ ווינקל שטעלט מען אַוועק אַ הילצערנע כלי מיט די איינגעזייערטע בוריקעס, איבערגעדעקט מיט אַ ריין אויסגעוואַשענעם לייוונט, און אַזוי אַרום גרייט מען צו דעם פסחדיקן באַרשט אויף אַ גאַנצער וואָך.

און באַלד הייבט זיך אָן די סדרה פון צוגרייטן מצות אויף פסח. אין די מצה־בעקערייען — „פּאַדריאַדן", ווי מ'האָט זיי גערופן אין אונדזערע מקומות, — קערן זיך וועלטן.

אַרום דעם לאַנגן טיש שטייען די וועלגערקעס, וועלגערן אויס די מצות און דערלאַנגען זיי צום רעדלער, וואָס שטייט ביי אַ קליינעם טישל און רעדלט אויס די מצות. די היץ פונעם גרויסן פּלאַקערדיקן אויוון איז גרויס. צעעפנט מען די פענצטער און מ'הייבט אָן זינגען. די סאָלאָ־זינגערין איז אסתר־המלכה פון פורים־שפּיל. איינע פון די וועלגערינס, אַ יונג ווייבל, העלפט איר אַרויס מיט אַ געגראַמט לידל וועגן דער פייערדיקער ליבע פון אַ יונג פּאָר־פאַלק, וואָס דאַרף באַלד גיין צו דער חופה. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ געשריי: „דערלאַנגט", דאָס הייסט, ס'האָבן פּאַרפּעלט טייגלעך פאַר די וועלגערינס.

— דער אַלטער רב קומט, — האָט אַ וועלגערין ביים פענצטער אויסגערופן.

אין דער רגע איז דער אַלטער רב, ווי זיין שטייגער איז, אַריינגע־לאָפן אין דער גרויסער שטוב. הינטער אים האָט מיטן גראָבן שטעקן אַריינגעשפּאַנט עליע דער שמש.

דער עולם איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

— איך בעט אייך, יידישע טעכטער, — האָט דער רב שטיל אַרויסגערעדט, — איר זאָלט זיך באַמיען מיט אַלע כוחות און זען, אַז פון דעם מעל, וואָס די מעות־חיטים מתעסקים וועלן אייך היינט אַריינברענגען, זאָלן די מצות זיין גיט ערגער צוגעגרייט, ווי די מצות פון אַלע שטאָטישע באַלעבאַטים.

שבת-הגדול

אַ גאַנצן ווינטער פלעגט די אַלטע, קאַלטע שול זיין פאַרמאַכט, ווייל מ׳האָט דעם גרויסן בנין ניט געקענט דערוואַרעמען, בפרט נאָך דעם, ווי דער גרעסטער גביר אין שטאָט, דער רייכער וואַלד-סוחר, האָט פאַרלאָזן די מקומות, איז אַוועק אין דער הויפּט-שטאָט, האָט קהל ניט געהאַט צו וועמען צו ווענדן זיך נאָך הילף.

געעפנט האָט מען די קאַלטע שול פאַר די מתפללים ערשט נאָך פורים, ווען ס׳פלעגט וואַרעמער ווערן אין דרויסן און מ׳פלעגט קענען אויסקומען מיט עטלעכע וועגלעך האָלץ ביז איבער נאָך פסח.

שבת-הגדול איז געווען דער טאָג, ווען די גאַנצע עדה יידן, גרויס און קליין, פלעגט זיך צונויפקומען אין דער אַלטער שול הערן די שבת-הגדולדיקע דרשה פון דעם אַלטן רב.

איך האָב קיין מאָל ניט דורכגעלאָזן דעם אַלטן רבס דרשה, ערשטנס, מחמת דער דרשה גופא, צווייטנס, — דער אָרון-קודש מיט זיינע וואונדערלעכע שניצערייען האָט מיך געצויגן. וועגן דעם אָרון-קודש אין דער קאַלטער שול האָט מען אין אונדזער שטאָט דער-ציילט לעגענדעס. די שניצערייען אויפן אָרון-קודש האָט מיט יאָרן צו-ריק געמאַכט דער אַלטער שניצער, אַ זקן אַ ייד, איצט שוין אַ שוכן-עפר.

מ׳האָט בשום אופן ניט געקענט אָפרייסן די אויגן פון די וואונ-דערלעכע פיגורן, די לייבן און לעמפּערטן, אָדלערס און טויבן. געדוכט האָט זיך, אַז אָט וועלן די לייבן און לעמפּערטן אָפּרייסן זיך פון די טירן פונעם אָרון-קודש, וועלן נעמען ברומען און שפּרינגען, די אָדלערס און טויבן וועלן אַראָפּפלאַטערן און דורך די צעעפנטע פענצטער אַוועק-פליען הויך-הויך, אַזש אין הימל אַריין.

אין מיינע וואַנדערונגען איבער פּוילן האָב איך ענלעכע שני־צערייען געזען אין אַ קליין אָרעם שטעטל, קאַלבעל, ניט ווייט פון אָטוואָצק, וואַרשעווער געגנט. אין דעם אַלטן, פאַרלאָזענעם שולכל, אין וועלכן ס׳האָט, לויט אַ לעגענדע, געדאַוונט דער בעל־שם, פלעגט מען דאַוונען נאָר אין די ימים־נוראים.

דער זעלבער שניצער האָט געזאָלט אויסשניצן דעם אָרון־קודש אויך אין דער ליבאַוויטשער שול אויפן נייעם מאַרק מיט די קאָליר־טע שויבן אין די פענצטער. אָבער אַ קורצע צייט נאָך דעם, ווי ער האָט אָנגעהויבן די אַרבעט, איז ער פּלוצלונג קראַנק געוואָרן. די שכנים האָבן דערציילט, אַז ער פלעגט וויינען מיט ביטערע טרערן און טענהן, אַז פאַר זיינע זינד האָט זיך די שכינה פון אים אָפּגעטאָן. ער האָט גע־בעטן אָרע דעם רופא באַמיען זיך, אַז דער אַלטער רב זאָל קומען. ער וויל זיך מתוודה זיין. ווען דער אַלטער רב איז געקומען, האָט זיך דער זקן אויפגעזעצט, גענומען זאָגן ווידוי. דער אָטעם האָט זיך אין מיטן ווידוי פאַרהאַקט און... יצאה נשמתו.

ווען איך בין געקומען אין שול, האָט דער עולם ערשט זיך גענומען צונויפזאַמלען. פון אַלע נאָענטע און ווייטע גאַסן און זאַוואולקעס איז מען געקומען, פונעם אַלטן און נייעם מאַרק, פון די סלאַבאָדע־געסלעך.

איך קוק זיך צו צו די יידן און דערקען זיי גאָרניט. אין שבת־הגדולדיקן זוניקן נאָך־מיטאָג שטראַלן אַריין דורך די צעעפנטע פענצ־טער גאָלדענע זיילן און באַלייכטן די אויסגעלייטערטע פנימער מיט די שוואַרצע און גרויע בערד. פסח איז דאָך שוין אויפן שוועל! און מ׳האָט דאָך ווי עס איז כמעט דעם גאַנצן יום־טוב אַריינגענומען. אין דעם פיר־הויז שטייט אין אַ ווינקעלע דער פסחדיקער באָרשט, אין דער אויסגעקאַלכטער שטוב ליגן אין קאַמאָד די מצות, און אין דעם קליי־נעם אַלמערל מיט די ספרים שטייט אין אַ ווינקעלע דער פסחדיקער וויין.

דערוויייל האָט דער עולם אָנגעפילט די גרויסע שול. מ׳שטייט אין די דורכגענג צווישן די בענק, אַרום דער בימה, אַפילו דער פאָליש איז שוין אָנגעפּאַקט.

און פּלוצלונג איז געוואָרן אַ גערודער. דער אַלטער רב איז, ווי געוויינטלעך, אַריינגעלאָפן אין שול. דער עולם האָט זיך אַ הייב געטאָן פון די ערטער און דער רב האָט זיך דורכגעשטופּט צו זיין אָרט, ניט ווייט פון עמוד.

דער זקן מיטן למדנישן הדרת־פּנים און די טיפע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פונעם בלייכן פּנים, איז געזעסן אין זיין שבתדיקער קאַפּאָטע מיט די אויסגעריבענע אַרבל. אין שטעטל האָט מען געוואוסט, אַז די זעלבע קאַפּאָטע טראָגט ער שוין זינט זיין חתונה. האָבן באַלעבאַטים ערב אַ יום־טוב צוגעשיקט משה דעם שניי־דער, ער זאָל אַראָפּנעמען אַ מאָס פאַר אַ נייער קאַפּאָטע, האָט דער אַלטער רב אַוועקגעמאַכט מיט די הענט.

— זאָל מען בעסער פאַר דעם געלט פאַרריכטן דעם דאַך אין הקדש, וואָס רינט דורך שוין פאַר אַ לאַנגער צייט.

ווען עליע דער שמש איז אַרויף אויף דער בימה, אַ קלאַפּ געטאָן איבערן טיש, האָט דער זקן זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט, איז איילִיק צוגעלאָפן, אַרויף אויף די טרעפּ, אָנגעלענט זיך מיט ביידע הענט אָן טיש און האָט שטיל, איינגעהאַלטן און לאַנג גענומען אונטערפירן דעם סך־הכל פון די דינים של־פּסח, וואָס זייער ציל איז געווען צו דערהייבן און אויסטיילן דעם עלטסטן יידישן יום־טוב, דעם נס פון יציאת־מצרים, פון אַלע יום־טובים, פון אַלע וואָכיקע טעג.

וואָס ווייטער, האָט דער זקן זיך אַלץ מער צעוואַרעמט, האָט זיך אויסגעגלייכט, די שטימע האָט געקלונגען איבער דער גרויסער שול.

„די הגדה, וואָס איר וועט זאָגן ביי די סדרים", — האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט, — „איז שוין אַלט אַ היפּשע פּאָר יאָר, איר וועט זיך דערוויסן, אַז שוין די חכמים פון בני־ברק האָבן זיך אַזוי פאַרטיפט אין דער הגדה, אַז די תלמידים זייערע האָבן געמוזט קומען און דער־מאָנען זיי, אַז ס'איז שוין צייט צו זאָגן תפילת־שחרית".

און ווען דער אַלטער רב איז צום סוף פון דער דרשה אַריבער צו משה רבינו, וואָס האָט מיט אַזוי פיל ליבע און עקשנות געשאַפן

דעם עם־עולם, וואָס איז באַרופן צו ברענגען די גאולה־שלמה פאַר דער גאַנצער וועלט, האָט דער עולם אַ ציטער געטאָן.

„יעדעס יידיש הויז", — האָט דער זקן פאַרענדיקט, — „ווערט אין די סדרים־נעכט באַזוכט פון אליהו־הנביא, דעם אָנזאָגער פון ביאת־המשיח.

מיר וויסן דאָך אָבער, אַז משיח קען קומען נאָר אין אַ דור שכולו חייב, אָדער שכולו זכאי, אַ דור, וואָס איז אין גאַנצן שולדיק, אָדער אַ דור, וואָס איז אין גאַנצן גערעכטיק. מיר טאָרן אָבער ניט דוחק זיין דעם קץ און ניט מיאש זיין זיך. דעריבער ווערן מיר ניט מיד צו זאָגן און איבערחזרן יעדן טאָג: ואף על פי שיתמהמה — בכל זאת אחכה לו בכל יום שיבוא. מעג ער זיך פאַרזאַמען, דאָך דער־וואַרט איך יעדן טאָג, אַז ער וועט קומען."

ערב־פסח

נאָר אַ פּאָר טעג איז געבליבן ביז פסח. אין שטעטל איז מען שטאַרק פאַרנומען מיט די לעצטע צוגרייטונגען צום יום־טוב. מ׳נעמט אַראָפּ די פסחדיקע כלים און דאָס געפּעס פון די בוידעמער, מ׳ריי־ניקט, מ׳וואַשט, מ׳טראָגט די לעפל, גאָפּלען, מעסערס, אָנגעבונדן און פאַרקניפּלט אויף אַ לאַנג שטריקל אין באָד אַריין, וואו מ׳כשרט זיי אין קעסל מיטן קאָכיקן וואַסער.

דאָס יאָר איז אַן עיבור־יאָר. די רוסישע „פּאַסכע" איז שוין לאַנג פאַרביי. זיינען די יידן פון שטעטל פּטור פון דעם גלאָקן־גע־קלאַנג, וואָס פלעגט ניט אויפהערן אין פאַרלויף פון אַ גאַנצער וואָך.

און אין דרויסן איז וואַרעם און ליכטיק. טוען אויס יינגלעך די שטיוועלעך און לויפן אַרום איבערן מאַרק מיט באָרוועסע פיסלעך. חדר־יינגלעך, אָנגעטאָן באַצייטנס אין נייע יום־טובדיקע מלבושים, שפּילן זיך אין ניס ניט ווייט פון קלויסטער, טאַקע דאָרטן, וואו ערשט

מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן שקצים געקייקלט זייערע פאַרביקע אייער. מ׳גראָבט אויס אַ גריבעלע און מ׳קייקלט די טערקישע אָדער וואַלד־ניסלעך אין גריבעלע אַריין. דער, וואָס געווינט, נעמט אַרויס פון גריבעלע אַלע ניסלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין גריבעלע, לייגט זיי אַריין אין קעשענע, איז שטאַרק צופרידן פון זיין געווינס, קלאַפּט מיטן הענטל איבער דער מיט ניסלעך אָנגעפּאַקטער קעשענע.

תנחום דער שמש מיט זיין שותף האָבן שוין געבראַכט די מצה־שמורה און מיט גרויס פאַרזיכט אַריינגעלייגט זי אין אַ באַזונדערן קאַמאָד. ניסן דער בעל־עגלה האָט צוגעפירט אַ קליין פעסל טאָקייער וויין מיט דער אין האַלץ איינגעקריצטער אויפשריפט: „כשר לפסח.“

איך וואונדער זיך און פאַרשטיי ניט, פון וואַנען עס נעמט זיך די גדולה. איך ווייס דאָך, אַז שוין וואָכן לאַנג קען מען ניט באַקומען קיין סחורה אין דער כמעט אויסגעליידיקטער קראָם. מ׳דאַרף צאָלן מזומנים און קיין מזומנים זיינען ניטאָ. און דאָ, הער איך, ווי זלמן דער זייגערמאַכער טענהט שוין ווידער מיטן פאָטער. עס האַנדלט זיך וועגן אַ זייגערל, אַן אַנטיק, וואָס אַ רייכער פּריץ וויל אָפּקויפן, און די מאַמע וויל עס ניט פאַרקויפן, ווייל דאָס איז אַ מתנה פון זיידן. שטויס איך זיך אָן, אַז דער מסחר איז שוין געמאַכט געוואָרן. און די מצה־שמורה און דער טאָקייער וויין וועלן ניט פאַרפעלן צו די סדרים.

צומאָרגנס האָט דער פאָטער גאַנץ פרי פאַרמאַכט די קראָם. פאַרנאַכט צינדט ער אָן אַ ליכט, גייט אַרום איבער די צימערן, זוכט חמץ און געפינט טאַקע געווינג חמץ אָנצופילן אַ גרויסע הילצערנע לעפל, וועלכע ווערט מיט גרויס פאַראַד פאַרברענט צו מאָרגנס הינטער די שפייכלערס.

דער סדר

מיר זיינען שוין גרייט צום ערשטן סדר. כאַפּ איך זיך אַרויף אויף דער שאַלקע. איך דערקען ניט די היימישע צימערן. אַלץ בלאַנקט און שיינט. אין דער גרויסער שטוב שטייט דער יום־טובדיק צוגע־גרייטער טיש. דער ווייך־גראַפין איז אַרומגערינגלט מיט גרעסערע און קלענערע כוסות. אין מיטן דערהייבט זיך אויפן הויכן פיסל דער כוס־של־אליהו מיט דער אויפשריפט: „וימררו את חייהם בעבודה קשה" און געשטאַלטן פון יידן, וואָס שלעפּן אויף זייערע פּלייצעס ציגל. אַרום און אַרום זיינען אויפן טיש אויסגעלייגט הגדות מיט די פון ווייך־טראָפּנס פאַרפלעקטע בלעטער. אויבנאָן איז אויף צוויי פאָטעלן אויסגעבעט די היסב־בעט. די קישנס און דער קיטל בלאַנ־קען, ווי פריש אַרויסגעפאַלענער שניי. די מצה־שמורה איז איבער־געדעקט מיט אַ טישטעכל מיט אַן אויפשריפט „מצה־שמורה". אַ שיסל מיט געזאַלצענע וואַסער, אַ היינערש גערגעלע, שאר־ירקות. נאָר חרוסת, ווי געוויינטלעך, פעלט אויס. דאָס וועט מען שפּעטער, גייענדיק פון שול, באַקומען פון גרשון דעם אייזנקרעמער, וואָס האָט די חזקה צו באַזאָרגן דאָס גאַנצע שטעטל מיט חרוסת. די מוטער מיטן לויטער־שיינעם פּנים צינדט די ליכט. דער קאָפּ הייבט זיך אין דער הייך, צום הימל, ווי זי וואָלט דאָרטן געזוכט די שטערנדלעך... איצט באַמערק איך, אַז דאָס קליינע זייגערל, דער אַנטיק, וואָס זי פלעגט טראָגן אויפן האַלדז צוזאַמען מיט די שניר פּערל, פעלט.

גייען מיר דאַוונען. אין דער אַלטער ליבאַוויטשער שול האָט זיך דער עולם לכבוד יום־טוב פאַרזאַמלט באַצייטנס. דער ערשטער,

וואָס מיר טרעפן ביים אַריינגאַנג, איז דער וואַסערטרעגער, מיטן יינגעלע מיט די לאַנגע פּיאותלעך. אַ נייע קאַפּאָטקעלע, אַ נייע היטל, די אַלטע שטיוועלעך זיינען אויסגעפּוצט, גלאַנצן. דער טאַטע זיינער קוועלט פון נחת, נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון זיין בן־יחידל.

די מזרח־וואַנט איז שוין כמעט אין גאַנצן באַזעצט. רובינשטיין, אַ רייכער ייד, אַ סוחר מיט אַ צוגעפּוצטן בערדל, זיצט אונטערן אָרון־קודש. זושע דער שענקער, אַ מגושמדיקער ייד, אַ וויצלער, דערציילט אַ „חכמה" פון זיינס אַן איניקל, וואָס האָט זיך באַרימט פאַר זיינעם אַ חברל, אַז לאַהויסקי, דער „דיעסאַטניק", איז שטאַרקער אַפילו פאַר גאָט. מיכה, דער בעל־קורא, זאָגט איבער מיט גרויס התפעלות אַ תורה, וואָס זיין פאָטער האָט געהערט פונעם סטאַראָסעליער צדיק. ישראל כוואָיניקער, אַ ישובניק פון אַ נאָענטן דאָרף, זיצט אין ווינקעלע, שאָקלט זיך מיט גרויס כוונה איבער אַ ספר.

און תנחום דער שמש, אין דער נייער לוסטרינעווער קאַפּאָטע, איז שטאַרק אויפגעלייגט, שיינט. אָט גייט ער אַרויף אויף דער בימה, טוט אַ קלאַפּ. מאָטקע דער מלמד, וואָס האָט אַ חזקה אויף די יום־טובדיקע מעריבדיקע שמונה־עשרהס, שטעלט זיך ביים עמוד, דער זקן איז שוין אין גאַנצן איינגעשרומפּן. הויט און ביינער. און דאָך קלינגט זיין קול איבער דער שול. מיט התלהבות הייבט ער זיך כסדר אויף די שפּיץ־פינגער ביי יעדן „ברוך־אתה." צום סוף פון שמונה־עשרה האָט דער זקן שוין אויפגעהערט צו הייבן זיך אויף די שפּיץ־פינגער, דער קול האָט שוין ניט געקלונגען, און ביים אויסגיין שמונה־עשרה האָט מיכל דער קצב שוין געמוזט אים אונטערהאַלטן. מ׳האָט אַרויסגערופן פון דער לעכעוויטשער שול דעם זון זיינעם, ישראל דעם מלמד, וואָס האָט דעם טאַטן זיינעם, ווי אַ קליין קינד, אַוועקגע־טראָגן אויף די הענט אַהיים... יידן שאָקלען טרויעריק מיט די קעפּ, באַדויערן דעם זקן, וואָס פאַרלירט זיינע כוחות.

קיין אורחים צו נעמען אַהיים אויף די סדרים זיינען ניטאָ. אין אונדזערע מקומות באַמיען זיך יידן צו פּראַוון די סדרים אין זייערע היימען מיט זייערע משפּחות. דער איינציקער אורח איז דער סמילאָ־

וויטשער ייד, וואָס פלעגט אין די זומערדיקע חדשים שטעלן זיך ביים בית־מדרש מיט אַ פּושקע אין די הענט זאָגן מיט אַ ניגון קאַפּיטלעך תהלים. פאַרבייגייענדיקע גויים פלעגן אַריינוואַרפן קופּערנע מטבעות אין פּושקע, להבדיל, ווי צו אַ „סטאַרעץ״־בעטלער ביים קלויסטער. האָט עליע דער שמש אים פאַריאָגט פון בית־מדרש. איז ער איצט גע־קומען אין דער ליבאַוויטשער שול. הער איך, ווי עליע דער לאַטוטניק באַגריסט אים גאַנץ פריינדלעך מיט אַ גוט־יום־טוב און לאַדט־אים איין צו זיך צום סדר.

גייען יידן פון שול אַהיים פּראַוועון דעם סדר. אַ מילדע פרילינג־נאַכט. אַ פולע לבנה. מחנות שטערנדלעך פינקלען אין דעם אומענד־לעכן רוים, באַגריסן די יידן מיטן יום־טוב.

די טייערע, אומפאַרגעסלעכע פּסחדיקע סדרים־נעכט! ווי טיף זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין זיכרון. ווי בולט־קלאָר זיי לעבן נאָך עד־היום אין דער פאָרשטעלונג.

ווער קען זיי פאַרגעסן!

— — — — — — — — — — — —

דעם פאָטערס פאַרוואָלקנטער פּנים האָט אויפגעלויכטן, די אויגן האָבן אויפגעשיינט. ער האָט זיך אין ווייסן קיטל אויפגעשטעלט פון היסב־בעט און מיט גרויס כוונה אויסגעזונגען דעם קידוש: „אשר בחר בנו מכל העמים ורוממנו מכל לשון וקדשנו במצוותיו״, האָט אונדז אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער און געהייליקט מיט זיינע מצוות.

אויפגעדעקט די מצה־שמורה, האָט ער האָפערדיק אויפגעהויבן דעם כוס: „הא לחמא עניא דאכלו אבותינו בערעא דמצרים״, דאָס איז דאָס אָרעמע ברויט, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געגעסן אין דעם לאַנד מצרים. ווער עס וויל, זאָל אַריינקומען און עסן, ווער עס נייטיקט זיך, זאָל קומען און עפּענען.

דער ייִנגסטער פון אונדז אַלעמען, משהלע, פרעגט די פיר קשיות: „מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות״? מיט וואָס איז די נאַכט אַנדערש פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר? און באַלד קומט דער אוראַלטער

ענטפער. קנעכט זיינען מיר געווען ביי פרעהן אין מצרים. ווייטער דערציילט זיך, ווי די חכמים פון בני־ברק האָבן זיך אַזוי פאַרטיפט אין דער הגדה, אַז די תלמידים זייערע זיינען געקומען דערמאָנען, אַז ס׳איז שוין צייט צו זאָגן תפילת־שחרית. און ווידער דער משל מיט די פיר זין: דעם חכם, דעם רשע, דעם תם און דעם שאינו יודע לשאול.

דעם פאָטערס אויגן שפריצן פונקען. דער כוס איז ווידער אויפגעהויבן.

„והיא שעמדה לאבותנו״, דאָס איז אונדז בייגעשטאַנען, ניט איינער האָט אונדז געוואָלט אומברענגען. אין יעדן דור שטייען זיי אויף, די פאַרלוימדער, די שונאים. אָבער דער אַלמעכטיקער ראַטעוועט אונדז פון זייערע הענט.

אַזוי גייט אָן דאָס הגדה־זאָגן ביז דער הפסקה פאַר דער יום־טובדיקער מאָלצייט. די יינגסטע שוועסטערל, סלאַווע, גנבעט אַרויס פון אונטער די קישנס דעם אַפיקומן און באַהאַלט אים אַזוי קונציק, אַז דער פאָ־טער קען אים בשום אופן ניט געפינען, און זי באַקומט דעם פרייז, וואָס זי האָט געוואָלט.

— — — — — — — — — — — —

זינט משהלע האָט אָנגעהויבן גיין אין חדר, האָט ער פון עלטערן ברודער איבערגענומען די חזקה צו עפענען די טיר פאַר אליהו־הנביא. דער האַלב־טונקעלער צימער, וואָס פירט פון די טרעפּ אין דער גרוי־סער שטוב, וואו מ׳פראַוועט די סדרים, איז איינגעהילט אין שאָטנס. גיט משהלע האָסטיק אָן עפן די טיר און רוקט זיך אָפּ אָן אַ זייט, ווי ער וואָלט וועלן פריי מאַכן דעם וועג פאַר אליהון. די טונקעלע שאָטנס הייבן זיך אָן צערינען, פאַרשווינדן. אַן אויפגעשיינטע ליכטיקייט פילט אָן דאָס קליינע צימערל. פון הינטער דער טיר רוקט זיך אַריין אליהו־הנביא, מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד, ליכטיקן פּנים, גוטע אויגן, אין דער גרויסער שטוב, הייבט אויף דעם כוס, וואָס איז צוגעגרייט פאַר אים, פאַרזוכט פון דעם וויין... און פאַרשווינדט.

און וועגן אליהו־הנביא האָט משהלע זיך דערוואוסט אַ סך זאַכן

פונעם פרוש אין דער אַלטער ליבאַוויטשער שול. ניט נאָר אין די סדרים־נעכט באַזוכט אליהו־הנביא די יידישע הייזער, נאָר אין אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר וואַנדערט אַרום אליהו איבער אַלע שטעט און שטעטלעך, ברענגט ישועות ונחמות, העלפט און באַשיצט אַלע אָרעמע, עלנטע און הילפלאָזע.

און דערציילט האָט דער פרוש פון אַ ישובניק אין אַ ווייטער געגנט אין ווייסרולאַנד. געלעבט האָט דער ישובניק אויף אַ פאַל־וואַרעק, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין פאָטער אין אַרענדע פון אַ פריץ. ס'איז געווען אַ מוראדיק קאַלטער ווינטער. זיצט אַזוי דער ישובניק מוצאי־שבת נאָך הבדלה אין זיין קאַמער, קוקט אַרויס פון פענצטער אויפן אויסגעשטערנטן הימל און זאָגט: „ויתן־לך משמני הארץ". מיט אַ ביטער געמיט טראַכט ער זיך: ויתן לך — קיין געלט איז ניטאָ. משמני הארץ — און וואו נעמט מען דעם רייכן פריץ. און ער ברעכט זיך דעם מוח און זאָרגט זיך און דאגהט. וואוהין וועט ער מיט זיין גרויסער משפחה און פיצלעך קינדער מגולגל ווערן? ווארעם די גזירה וועגן אַרויסטרייבן די יידן פון די פאַלוואַרקעס און דערפער ווערט דורכגעפירט מיט דער גרעסטער אַכזריות.

פלוצלונג דערזעט ער, ווי אַ קאַרעטע, געשפּאַנט אין פיר פערד, פאָרט צו צום גאַניק. אַ פריץ גייט אַרויס פון קאַרעטע און רופט: „פּאַניע אַרענדאַזשו, איך האָב פאַר דיר גוטע נייס. דו וועסט איבער־בלייבן אויפן פאַלוואַרעק, און ניט נאָר די מיל, נאָר אויך דעם ברוויז קענסטו איבערנעמען אין אַרענדע. אַזאַ באַפעל איז אָנגעקומען פון דער הויפּטשטאָט." און כך הווה. אין אַ וואָך אַרום איז פון קרייזשטאָט געקומען אַ באַפעל, וואָס האָט באַשטעטיקט אַלץ, וואָס דער פריץ האָט געזאָגט.

דער ישובניק האָט קיין מאָל ניט געזען און ניט געקענט דעם פריץ. אַ פּנים, האָט דער ישובניק געטראַכט, דער פריץ איז געווען אַ פאַרשטעלטער אליהו־הנביא, וואָס ברענגט בשורות־טובות און ישועות אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אין נויט.

און משהלע פלעגט מיט אַזאַ התלהבות זינגען: „אליהו הנביא,

אליהו התשבי, אליהו הגלעדי, מתי, מתי יבוא משיח בן־דוד"...". אַז מיר אַלע זיינען באַגייסטערט געוואָרן פון דעם געזאַנג.

און ווען דער עולם ווערט פון לאַנגן סדר און די זאַגענישן אַ ביסל מיד און שלעפערדיק, קומט דער פריילעכסטער מאָמענט אין דעם אָוונט: חד־גדיא. דער פּאָטער לייגט אין דעם אַריין גרויסע סודות. רזי־דרזין! אָבער מיר אַלע כאַפּן אונטער מיט חשק און פרייד דעם רעפריין פון דעם אוראַלטן פאָלקס־מעשהלע: חד־גדיא, חד־גדיא.

איך געזעגן זיך מיט זלמן דעם פּרוש

ס'איז שוין אַ וואָך נאָך יום־טוב. זוניקע און ליכטיקע טעג. דער פרישער ריח פון מאַי־בלומען, וואָס האָבן זיך צעבליט אין די אַרו־מיקע סעדער, פילט אָן די לופט.

פאַרנאַכט גיי איך אין דער אַלטער ליובאַוויטשער שול געזעגענען זיך מיט זלמן דעם פּרוש. מאָרגן גאַנץ פרי פאָר איך אַוועק אין דער גרויסער שטאָט אין ישיבה צוזאַמען מיט חיים דעם שוחטס זון.

ס'איז בין־מנחה־למעריב. די שול איז אָנגעפילט מיט יידן. ביים גרויסן טיש זאָגט חיים דער שוחט פאַר דער חברה ש"ס דעם שיעור. געוויינטלעך פלעגט מען פון אַלע זייטן שטעלן קשיות. היינט איז שטיל. אַפילו עליע דער דיער, דער געשוואוירענער קשיות־שטעלער, שווייגט. מן־הצד דערוויס איך זיך, אַז מ'וויל מאַכן דעם סיום פון דער מסכתא נאָך פאַר שבועות. דעריבער גייט עס אַזוי גלאַטיק.

פאַרענדיקט דעם שיעור גיט תנחום דער שמש אַ קלאַפּ איבערן טיש.

אברהם־עליע שטעלט זיך ביים עמוד. „והוא רחום יכפר עון". דאָס איז געווען מיין לעצטער מעריב אין דער אַלטער ליובאַוויטשער שול אין דער סביבה פון פאַרצייטיקע ליובאַוויטשער חסידים, יידן תמימים,

יראים ושלמים, וואָס איז אַ מדרגה צו גייסטיקער דערהויבנקייט, צו קדושה. . .

— — — — — — — — — — — —

ווי געוויינטלעך זיצט זלמן דער פּרוש אין זיין ווינקעלע, קוקט אַריין אין אַ ספר. איך דערקען אים ניט. פאַר דער לעצטער צייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין זיין אויסזען. גרוי־ווייסלעכע פעדעם האָבן זיך געדיכט איינגעפלאָכטן אין זיין באָרד און פּיאות. די אויגן כמעט ווי אויסגעלאָשן. הפּנים די כסדרדיקע תעניתים, די שלאָפלאָזע נעכט אויפן האַרטן געלעגער דערגייען אים די יאָרן.

ער האָט מיך אויפגענומען מיט גרויס פרייד.

— איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט קומען געזעגענען זיך, זאָגט זלמן. איך וויל זיך מיט דיר דורכשמועסן וועגן אַן ענין, וואָס איז מיר נאָענט און טייער און וואָס איז מיר לאַנג געלעגן אויפן זינען: דער פאָטער דיינער איז דאָך אַ גרויסער שווייגער. איך מיין אָבער, אַז אַפילו פון די קאַרגע ידיעות, וואָס דו האָסט פון דיין שטאַם, יחוס, ווייסטו, אַז דו ביסט דער דרייצנטער דור פון דעם גרויסן בעל־קבלה און צדיק, דעם מחבר פון שני־לוחות־הברית, דעם של״ה הקדוש. און אויב מ׳האָט אין יענע צייטן געקרוינט עמעצן מיטן נאָמען „הקדוש", האָט ער עס כשר פאַרדינט.

ווען איך וואָלט וועלן אויסרעכענען פאַר דיר דעם שלשלת־היחוס פון דיין משפחה, וואָלט איך באַדאַרפט פאַרברענגען מיט דיר טעג און נעכט.

לאָמיר צום ערשטן אָנרופן דעם נאָמען פון ר׳ ישראל ב״ר ישעיה הלוי פון דער זעלבער גזע (געבוירן אין דעם קליינעם שטעטל האָראָוויטצע אָדער הוראָוויטצע, ניט ווייט פון פּראַג), וואָס איז נאָך מיט צוויי דורות פאַרן של״ה־הקדוש אומגעקומען על־קדוש־השם אין פּראַג (אין 1568־טן יאָר). ר׳ ישראל איז באַקאַנט געווען אין גאַנץ בעמען מיט זיין לומדות און צדקות. ער האָט אָנטייל גענומען אין די וויכוחים מיט די קאַטוילישע גלחים און בישאָפן און געמאַכט פון זיי כפּרה־דערעס. די אינקוויזיציע האָט אים פאַרמשפט צום טויט, פאַרברענט

צו ווערן אויפן שייטערהויפן. דער פּראַגער בישאָף האָט שטאַרק געהאַלטן פון ר׳ ישראלן, געוואָלט אים געווינען פאַר דער קאַטוילישער קירך. איז ער דריי מאָל געקומען צו ר׳ ישראלן אין תפיסה, באַמיט זיך צו פועלן ביי אים, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין עקשנות. מיט זיינע קענטעניש און פרומקייט וועט ער זיכער שטייגן הויך אין דער קירך. אפשר די פורפורענע יאַרמלקע פון אַ קאַרדינאַל און אפשר נאָך העכער.

ס׳האָט ניט געהאָלפן. ר׳ ישראל איז אומגעקומען על־קדוש־השם אויפן שייטערהויפן.

פון די שפּעטערדיקע צייטן דאַרף מען דערמאָנען ר׳ פינחסן פון קראָקע, דעם יושב־ראש פון ועד־ארבע־הארצות, אַ שוואָגער פון ר׳ משה איסערליס. דעם חוזה פון לובלין, ר׳ יעקב־יצחק ב״ר אברהם־אליעזר הלוי, אַ תלמיד פון דעם בעל־שם. ר׳ אהרון הורוויץ, דעם סטאַראָסעליער צדיק, אַ תלמיד פון דעם בעל־התניא.

דאָס איז דיין יחוס, דאָס איז יידישער יחוס.

לגמרי אַנדערש פון דעם גויישן, דעם עשו־יחוס, וואָס איז באַגרינדעט אויף שפיכת־דמים, רציחה און גזלה. על חרבך תחיה.

און זינט „אותו־האיש" פון גליל און זיינע תלמידים האָבן גענומען מתקן זיין די וועלט במלכות שד״י, איז די רשעות און אַכזריות בנוגע יידן געשטיגן כפל־כפלים. פריער האָבן די ביזאַנצער קריסטלעכע רעגירער, בראש מיטן „פרומען" קאָנסטאַנטין, גענומען עוקר־מן־השורש זיין די יידישע ישובים, וואָס האָבן זיך גענומען גרינדן ביי די ברעגן פונעם שוואַרצן און מיטללענדישן ימים. שפּעטער, בעת די מסעי־הצלב האָבן געבושעוועט איבער גאַנץ אייראָפּע, האָבן די רוצחים ממש געבאָדן זיך אין יידישן בלוט. גענוג צו דערמאָנען די שרעקלעכע יאָרן פון גזרת שו״ם (שפּייער, וואָרמס, מאַינץ). אָט די חיהשע רוצחים זיינען שפּעטער געוואָרן די באַגרינדער פון די אַדעליקע משפּחות, די הערצאָגן, פירשטן, בישאָפן און נאָך דעם די באַגרינדער פון די אייראָפּעאישע קיניגלעכע דינאַסטיעס, די בורבאָנס, האַבסבורגס, האָהענצאָלערנס און אַנדערע.

אונדזער עובדא אויף דער וועלט איז אויסדערוויילטקייט אין קדושה, גייסטיקע דערהויבנקייט און שיינקייט, כסדרדיקע שטרעבונג צו גאולה־שלמה פאַר דער גאַנצער וועלט. לא בכוח רק ברוח.

און גייען מיר אַראָפּ פון דעם וועג, פאַרקריכן מיר אין דרכים־עקלקלות, קרומע וועגן, הייבן מיר אָן צו שפּייזן זיך פון די ברעקלעך און פּיצלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ פון די כלומרשט רייכע טישן, נעמען מיר לעכצן נאָך עולם־הזה, נהיה ככל הגויים, זיינען מיר פאַרפאַלענע, פאַרמשפּטע, וועלן מיר גייסטיק צעשטויבט ווערן און פאַרשווינדן...

אַ מידער, אויסגעשעפּטער האָט זלמן דער פּרוש אָנגעלענט זיך אָן ווענטל פון דער בימה. טיף אָפּגעאָטעמט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַרומגענומען מיך, אַ קוש געטאָן אין שטערן און אַ זאָג געטאָן:

— דו דאַרפסט דאָך מאָרגן פרי אַוועקפאָרן. איז זיי געזונט. צאתך ובואך לשלום!

מער האָב איך זלמן דעם פּרוש שוין ניט געזען. מיט אַנדערט־האַלבן יאָר שפּעטער האָב איך זיך פון אַ בריוו דערוואוסט, אַז זלמן דעם פּרוש האָט מען געפונען פאַרטאָג אַ טויטן אין דער ליבאַוויטשער שול. ווען תנחום דער שמש איז באַגינען אַריין אין שול, האָט ער פון דער ווייטנס באַמערקט, אַז דער פּרוש זיצט אין זיין ווינקעלע אָנגעלענט אָן דעם שטענדער און קוקט אַריין אין אַ ספר. ווען ער איז אָבער צוגעקומען נעענטער, גענומען צונויפפּרוזקן די שטענדערס, געוואָלט אים אויפוועקן, האָט ער דערזען, אַז יצאה נשמתו.

— — — — — — — — — — — — — —

איך האָב באַגינען דערוואַכט פון אַן אומרואיקן שלאָף, אַראָפּ אונטן און געטראָפן דעם פאָטער מיינעם איבער דער גמרא. איך האָב גלייך באַמערקט, אַז דער פאָטער מייגער קען ניט באַהערשן זיין אומ־רואיקייט. איילט ער זיך אויפזוכן דעם טלית און תפילין־זעקל און קען עס ניט געפינען.

באַלד איז ניסנס פערד און וואָגן מיט דער גערעמער בויד צו־

געפאָרן צום שטוב. גייט מיט מיר דער פאָטער מיינער אין זאַל, נעמט אַרויס דריי אײנצלנע רובל און זאָגט:

— מער קען איך דיר איצט ניט געבן, זון מיינער.

און די מוטער מיינע מיטן לויטער שיינעם פּנים דערלאַנגט מיר אַ טעפּעלע מיט מאַלינע אײנגעמאַכטס, קושט מיך און פון די אויגן טריפן איבער די באַקן טרערן.